# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn No. 30-31, October 1962 - Entire Volume

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/3k29460d

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 30-31(1)

### Publication Date

1962

### Copyright Information

Copyright 1962 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

טאָפּל **30-31** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

תשרי, ה'תשכ"ג — אָקטאָבער, 1962

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

108

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

טאָפּל **30-31** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

תשרי, ה'תשכ"ג — אָקטאָבער, 1962

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

## אינהאַלט:

אלף כץ: דיאַלאָג אין די בערג (ליד) — 3
יחזקאל בראָנשטיין: דער עסיי (עסיי) — 4
ל. פיינבערג: „אַ באַגעגעניש“ (ליד) — 7
מאַטעס דייטש: אַ קריטישער שמועס באַגלייט מיט צווייטער בריוו — 8
לוי גאָלדבערג: דאָס לעצטע ווערק; אַז „ער“ וועט רופן (לידער) — 15
ד״ר שלמה סיימאָן: „אַלץ אין נאָמען פון קונסט“ — 16
אברהם לעוו: לייג ניט אָפּ אויף שפּעטער; שטראָף זיי ניט גאָט (לידער) — 20
יעקב פיכמאַן: בעסאַראַביע (ליד) פון העברעאיש — חיים באַרקאַן — 21
שמואל סיגל: די פרייד פון סיום און המשך (עסיי) — 22
פינטשע בערמאַן: ווי אַ טייך אַ צעפלאָסן (ליד) — 27
י. פרידלאַנד: אַ צווייטער לוי יצחק (דערציילונג) — 28
זעליג דאָרפמאַן: פייער־בילד; חלום נישט אַצינד (לידער) — 34
י. בונין: י ר ו ש ל י ם (פון דער סעריע ישראל לידער) — 35
בצלאל מלתי: „וואוהין“ (האָלץ־שניץ סקולפּטור) — 35
י. אייזענבערג: חשבון הנפש של „חשבון“ בלוס אנג'לס (אָפּשאַצונג) — 36
י צ ח ק י: ביי אונדז און ביי לייטן (מכוח פּען־מענטשן ביי דער פּרעסע) — 37
יהושע ריווין: די קאָנסט אָן גאָט ניט זיין; רייס אַרויס (לידער) — 40
יצחק ניומאַן: עמוס, דער ערשטער פון די שריפט־נביאים (עסיי) — 41
משה צוקער: געקינצלטער און נאַטירלעכער איינשטעל (עסיי) — 45
חנה בושעל־סאָלאָוו: קאַליפאָרניער בערג (ליד) — 47
מרים ריינעס־מעלצער: מדבר אין בייטן צעאַקערט (ליד) — 48
י. פ.: זעקסטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט (הזכרה) — 49
גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: מיאַמי און אירע סיניאָר סיטיזענס — 51
בען צוקערמאַן: אויף היסטאָרישע פלעצער אין ישראל (פאַרצייכענונג) — 52
א. באַביטש: פעדער־שפּריצן — 54
ליטעראַרישע נאָטיצן; למען תזכור; אָפּרופן; נייע ביכער — 55-65
36 אָריקער יובל פון ל. א. קולטור קלוב; נעקראָלאָג; באַגריסונגען — 69-78

---

# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 1246 N. Orange Dr. - Hollywood 38, Calif.

# חשבון

• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

9טער יאָרגאַנג, נומ. 30־31 • תשרי תשכ״ג, אָקט. 1962 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**אלף כץ**

## דיאַלאָג אין די בערג

(פון דער סעריע „לידער פון די צוואַנציקער״)

— זאָג מיר, פאָטער,
וואָס באַטייט דער וואַסער־שנור,
וואָס רינט דאָרט פון דעם באַרג
אַראָפּ אַהער צו אונדז אין טאָל ?

דער שנור, ער איז די אייביקייט,
די אייביקייט, מיין זון.

— און וואָס באַטייט די אייביקייט,
פון וואַנען קומט זי, פאָטער?

— זי איז די יונגשאַפט
פון דיין זיידן, זון.
זי גייט פון אים צו מיר,
צו דיר, מיין זון.
עפן־אויף דאָס מויל
און טרינק זיך אָן.

▼

יחזקאל בראָנשטיין

# דער עסיי

צוליב דעם וואָס עס איז שווער צו דעפינירן דעם עסיי ווי אַ פאָרם אין דער ליטעראַטור, איז ביי אונדז כמעט ווי ניט בנמצא קיין עסיי וועגן דעם עסיי, כאָטש דער עסיי גופא איז ביי אונדז זייער אָנזעעוודיק ניט בלויז אין די הענט פון די אויסגעשפּראָכענע און דערפאָרענע עסייאיסטן, נאָר דער עיקרשט טאָקע אין די הענט פון טאַלאַנטפולע פּאָעטן יידישע, וואָס זיינען בדרך אגב געקומען צו דער פאָרמירונג פון דעם עסיי ווי אַ צוגאָב צו זייערע פּאָעטישע עבודות דורך זייטיקע וועגן, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן אין אַלגעמיין, וואָס זיינען ביי אונדז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן מצד אונדזער ליטעראַטור־קריטיק.

צו ריידן וועגן דעם עסיי ווי וועגן אַ פאָרם פון אויסדרוק אין דער ליטעראַטור אפילו אויבנאויפיק, איבעראיילט און פאַרבייגייענדיק, איז דעריבער ניט אַזאַ לייכטער ענין, בפירוש ניט קלוג און באַשטימט ניט ראַטזאַם שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס פעלט אונדז אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג.

צוליב דעם ווידער איז די באַהאַנדלונג פון דעם עסיי אויך, אַ דורכאויס אינדיווידועלע, אַבסטראַקטע — אויב איר ווילט, און אַן יעדן ספק נישט בינדנדיק ווי אַ כלל, אין דעם אַפּשאַץ פון אַ שריפטשטעלער וואָס פאַרנעמט זיך דערמיט.

דער עסיי ווי אַ פאָרם פון דער שרייב־קונסט, איז אין ווידערשפּרוך צו יעדן סאָרט פלאַכקייט, וואָס פאַראַדירט געוויינלעך אונטער אַ פאַלשן אויסרייד. ווייל אויב דער עסיי באַצוועקט עפּעס בכלל מיט זיין עצם עקזיסטענץ אין דער ליטעראַטור, מיינט עס: זיין אַנדערש; פּרעציז און ניי אין פאָרם און דורכאויס וואָגיק אין זיין תוכן און פאַרנעם, לגבי אַנדערע פאָרמען אין דער ליטעראַטור.

אין דעם דריקט זיך אויס זיין אייגנאַרטיקייט און אָרט אין דער ליטעראַטור.

צו זיין אַנדערש און ניי, מיינט: שטיין אויף די אייגענע פיס און זיין אומאָפּהענגיק פון די אומצאָליקע אַנדערע פאָרמען אין דער ליטעראַטור. אַלעמאָל, אַליין עפּעס מחדש זיין, אַריינברענגען אַ נייעם אימפּעט אין ד ע ם אופן פון אויפנעמען און געבן אויסדרוק זיין טעמאַטיק, וואָס מוז אין זיך כולל זיין דעם יחידישן און אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון דעם מחבר, אין ד ע ר אָפּשפּיגלונג פון ז י י ן וועלטאַנשויאונג, וואָס טאָגט־אויף ווי אַן אָריגינעלער סינטעז פון מחשבה און מעשה, וואָס איז בלויז אים אַליין, דעם עסייאיסט — אייגן און נאָענט, אַן די פאַרגעשריבענע געזעצן פון דער שרייב־קונסט.

דער עסיי, ווי אַ טעמע — פאָדערט אַן ערנסטן און טיפן אַריינדרינג אין דעם סאַמע עצם פון זיין געבוי, מהות און פאַרנעם, ווי אַ דאָמענירנדיקער כוח אין דער שיין־ליטעראַטור.

אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, האָט דער פראַנצויז מאָנטעין, דער ערשטער אַריינגעבראַכט דעם עסיי, ווי אַ פאָרם פון אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, אין דעם יאָר 1571. אין דעם יאָר 1597, זעקס און צוואַנציק יאָר שפּעטער — האָט דער ענגלענדער בייקאָן פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע צען עסייען אין דרוק.

דער עסיי האָט אָבער אָנגעהויבן פונקציאָנירן ווי אַ דאָמינירנדיקער כּוח אין דער ענגלישער ליטעראַטור, אין דעם 18טן יאָרהונדערט.

ווי אַ פאָרם פון אויסדרוק איז דער עסיי אָריגינאַל באַשטאַנען פון אַ קאָמ־פּאָזיציע פון באַשיידענער גרויס אין פּראָזע. דער עסיי האָט זיין טעמע באַהאַנדלט לייכט, דערפאַר אָבער — אָלעמאָל גראַציעז, אין דעם לבוש פון אַ בילדלעכער שפּראַך.

מיט דער צייט האָט זיך דער עסיי אויסגעבריייטערט און פאַרטיפט זיינע שעפערישע מעשים אויף דער פּאָן פון אַ לירישן הינטערגרונט, וואָס האָט זיך פאַרענלעכט, טיילווייז דער עיקר־שט אָבער, אינטים זיך פאַר׳קרובט צו דער בעלעטריסטיק, וואָס שליסט אגב אין זיך איין די וואָרע דיכטונג־עלעמענטן — און אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ זיך אַליין צו פאַר׳סך־הכל׳ען, ווי דער סינטעז פון מחשבה און מעשה, וואָס גיט אים צו דעם רייץ פון דיכטונג אין פּראָזע.

דאָס וואָס דער בעלעטריסט דערגרייכט ניט אין ז י י ן דערציילן, דעם לירישן אויפטויך פון אַן אייגענער איבערלעבונג און מחשבה, דרויסן פון די ראַמען און די מעגלעכקייטן פון זיין אָביעקטיוון שילדערן און באַמאָלן אַ מענטשן צי סתם אַ סיטואַציע, וואָס וואָלט אפשר אַלצאיינס ניט האַרמאָנירט מיט דעם סטיליסטישן אויסליג פון זיין דערציילן, דערגרייכט יאָ ד ע ר עסייאיסט, מיט דעם אָנווענד פון אַ בילדלעכקייט וואָס איז אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם בעלעטריסט, אפילו אימאַזש און מעטאַפאַר, מיט וועלכע עס אפּערירט דער פּאָעט — און ער פאַרבינדט זיי מיט דעם אויפלויכט פון זיינער אַ זעאונג און אייגענער מחשבה, וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין דעם לירישן אויפזונג פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס פאַרוואַנדלט זיך טיילווייז, אַ דאַנק זיין אָנווענד פון אַ ריטמישן לשון — א י ן כּמו־פּאָעזיע, וואָס דערמעגלעכט אים צו ברענגען צום פולסטן אויסדרוק זיינע אנשויאונגען און זעאונגען, אויף אַן אייגנאַרטיקן, קרעאַטיוון אופן.

די עקאָנאָמיע פון וואָרט איז אַן עיקר אין דעם געבוי און אויסלייג פון דעם עסיי.

ווי אַ שונא פון יעדער פאָרם פון רעטאָריק, פּראָזעלאָגיע — באַנוצט זיך דער עסיי מיט צימצום פון אויסדרוק און דער אויסשליסלעכער קאָנצענטראַציע אויף איכות, ווי עס טוט עס די דיכטונג, און מיט דער גאָרער קלאָרקייט פון דער פּראָזע אין אַלגעמיין.

די טעמאַטיק פון דעם עסייאיסט ווייסט ניט פון קיין גרעניצן. אַלע קוואַלן זיינען פאַר אים אָפן. בשעת אָבער די דרויסנדיקע וועלט גיט זיך איר איבער מיט אירע שוין פאַראַנענע רייצן און שיינקייטן, ליגט איר אינטערעס דווקא אין דער עובדה, צו קענען פון זיך גופא אַרויסצוזויבערן דעם צויבער פון זעאונגען, אָנונגען און שפּאָנונגען, פון קיינעם ניט באַמערקטע, אין אַ זעלטענער תשוקה און דראַנג זיי צו געבן אַ תיקון, אין דעם ניט זעלטן פאַרכאַפּנדיקן סטיל פון דעם, וואָס מיר רופן אָן: ע ס י י.

די אייגענע אינטואיציע, פאַר׳כפלט מיט די איינדרוקן פון אַ צוויטנס דערגרייכונגען, האָט אַלעמאָל די אויבערהאַנט אין די עסטעטישע דערגרייכונגען פון דעם עסיי.

צוליב דעם אפשר פאַרנעמט זיך די עסייאיסטיק טיילוויז אויך, מיט דער קריטישער באַלייכטונג פון ליטעראַטור־ווערטן, וואָס איז בדרך־כלל אָריגינעל דערמיט, וואָס זי מיידט באַוואוסטזיניק אויס די שאַבלאָנע שפּראַך פון דער דאָגמאַטישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז כמעט דורכאויס טעכניש אין איר אויפפאַסונג און גוואַלדיק אונטערשטעליק לגבי די בויטן און די דערגרייכונגען פון היינטצייטיק — מאָדערנע — ליטעראַטור־ווערטן.

צוליב דעם, וואָלט איך געזאָגט, דערגרייכט צומאָל ניט די דאָגמאַטישע ליטעראַטור־קריטיק די געוואונטשטע רעזולטאַטן: איינפלוס אויף די מחברים און זייערע ווערק. איבערצייגט זיי ניט אין דעם אמת פון אירע אויספירן, וואָס זיינען אפשר עכט, אָבער — זיכער ניט גערעכט אין איר אָפּגעשטאַנענקייט לגבי די בויטן פון אונדזער צייט און דור.

אין דעם זין איז די קריטישע עסיי אַנדערש פון דער דאָגמאַטישער קריטיק, און צוליב דעם איז זי אויך ניי.

און ניי איז זי אויך צוליב דעם, וואָס ביים אָפּשאַצן אַ צוויטנס אַרבעט, באַמיט זי זיך אַלעמאָל ממשיך צו זיין אַ רעיון, וואָס זי באַפליישט און זי באַבלוט מיט דער אָריגינאַליטעט פון צוגעבן אַן אייגן בילד, וואָס איז צומאָל ניט דער־גאַנצט פון דעם באַטרעפנדיקן מחבר.

אַט די אייגנשאַפטן פון דער עסייאיסטיק, גיבן איר צו אַ ספּעציפישן חן און הויבן איר אַרויס ווי אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון שרייבן, וואָס איז דורכאויס זעלבסטשטענדיק אין אירע דערגרייכונגען אין דער ליטעראַטור.

מיט דעם אויסנאַם פון אונדזערע ראשונים אויף דעם געביט פון אונדזער עסייאיסטיק, ווי שמריהו גארעליק, ד״ר א. קאַראַלניק, חיים גרינבערג, לעאָ פינקלשטיין און גאָר אַ סך אַנדערע, איז די שפּעטערדיקע עסייאיסטיק אונדזערע אַרויסגעוואַקסן, ווי אַ פועל־יוצא פון אונדזער אייגנזייטיקער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט זיך אַלעמאָל קאָנצענטרירט אויף אָפּשאַצן די ווערק פון עלטערע שרייבער ביי יידן, און זעלטן ווען זיך אַרומגעקוקט אויף אונדזער אַמאָליקער, שרייבערישער יוגנט (דערפאַר האָבן מיר ניט קיין המשך!).

צוליב דעם האָבן אַ סך פון אונדזערע פּאָעטן זיך אַנטוויקלט ווי פיינע עסייאיסטן, וואָס זיינען מיט דער צייט אויך אַריינגעוואַקסן אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס טראָגט אַן עסייאיסטישן כאַראַקטער.

אַזעלכע פּאָעטן ביי אונדז, ווי א. טאַבאַטשניק, אליעזר גרינבערג, יאָסל קאָהן, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און גאָר אַ סך אַנדערע פּאָעטן אונדזערע, האָבן זייער אַ סך בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג און דער פאַרטיפונג פון דעם עסיי אין אונדזער ליטעראַטור, דעם קריטישן עסיי אַריינגערעכנט — וואָס טיילט זיך אויס ווי אַן אייגנאַרטיקער כוח און פאַקטאָר אין אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

**כן ירבו!**

---

**אויפמערקזאַם אַבאָנענטן!** מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולאַר דעם „חשבון.״

**ל. פיינבערג**

# אַ באַגעגעניש

כ'געדענק: אַ מאָסקווער פּאַרק אין אָסיען,
אַ קילע, שטערנלאָזע נאַכט.
דער פלאַקער־גלי פון פּאַפּיראָסל
אין מויל — ווי רויזן־איינגעמאַכטס.

כ'בין יונג געווען און דו — נאָך ייינגער.
אַרום געררוישט האָט בירגער־קריג.
דו האָסט אין דראָזש פון מיינע פינגער
געלייענט דיין גרויזאַמען ווערדיקט.

דו שווייגסט און צוקסט מיט אַקסלען שמאָלע,
און ס'קלאַפּט אַ צאָן דיר אָן אַ צאָן.
די ווערטער רייסן זיך, ווי קללות:
— איך פאָר־אָפּ מאָרגן אויפן פראָנט!

מיט אויגן פיבערדיקע, רונדע,
דו גיסט אַ רים זיך פון דער באַנק:
—אין הארצן אונדזער ליבע־וואונדער,
כ'וועל אייביק טראָגן — אַ געזאַנג!

זינט דעמאָלט — פערציק יאָר אין וואָגל
האָב איך צעווייעט אויפן ווינט.
נאָר ס'הארץ אין פּיין און ווי און פּלאָגן
געצאָלט דעם אָנדענק דיינעם צינדז.

און מיטאַמאָל: מיאַמער אָוונט,
אַ הימל — העל פון שטערנוואַרג.
און הינטער פּאַלמעס — ווי לולבים,
מיר זיצן אין פלאַמינגאָ־פּאַרק.

דערזעלבער גלי פון פּאַפּיראָסל
אויף ליפּן — בלוי און פיאָלעט.
אין אויגן — טענות און פאַרדראָסן:
— דו ביזט געקומען שפּעט, צו־שפּעט!

כ'באַריר מיט ציטערדיקע פינגער
די ליבע קנייטשן אויף דיין האלדז.
כ'בין מער נישט יונג, ביזט מער נישט ייינגער:
מיר זיינען ביידע גרייז און אַלט.

מאַטעס דייטש

# אַ קריטישער שמועס באַגלייט מיט צוויי בריוו

(פון א. לעיעלעסן צו מיר און פון מיר צו יעקב גלאַטשטיינען)

מיט אנדערטהאַלבן יאָר צוריק, דעם 25טן דעצעמבער, 1960, האָט א. לעיעלעס געהאַט אַן אַנגעזעענעם מאמר אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל“. דער טיטל איז פאַר מיר געווען זייער אַ רייצנדיקער: „דער קינסטלער און דער קריטיקער.“

אויף וויפיל איך געדענק האָט זיך קיינער ניט פאַרנומען צו רעאַגירן אויף דעם, כאָטש ס'איז בפירוש געווען וועגן וואָס צו פּאָלעמיזירן; טאַקע גאָר תוכיק און קאָכיק, אויב מע וואָלט נאָר געוואָלט צעפירן די הענט און אונטערשמייסן דאָס אַלטע פּערדל, די פּלוגתא — קינסטלער און קריטיקער.

אויבן אויף וועט עס מאַכן דעם איינדרוק אַז ס'איז קריטיק אויף קריטיק; ניין, ס'איז מער ווי דאָס: ס'איז קריטיק און נאָך עפּעס. דער „עפּעס“ איז די יאָדרע, דער עיקר־תוך אַליין — די קונסט פון שרייבן.

נו, טאַקע, צוליב וואָס שרייבט דער קריטיקער?

נאָר די אייגענע זאַך צוריק: צוליב וואָס שרייבט מען לידער?

בעסער געזאָגט: צוליב וואָס שרייבט מען בכלל, אויב ניט צוליב עקספּרעסיע? אויב ניט צוליב געבן דעם אינערלעכן אימפּולס פונעם מענטשנס דראַנג צו זעלבסטאויסדרוק.

עס פרעגט זיך:

איז קריטיק אַ פּאַראַדיע אויפן קינסטלערס געשאַפענעם ווערק? אַזאַ פּאַראַדיע אין וואָס פאַר אַ פאָרעם זי זאָל זיך ניט אויסדריקן. ס'איז אַ נאָכבאַשאַף פון באַווירקט ווערן; פון נאָכטאָן דורך באַמערקן אַ געשאַפענע זאַך; פון זיך נאָענט אָנטרעפן מיט אַן אַנדערשקייט — אַ וועלט וואָס איז ניי.

קריטיק וואָלט אפשר אַזוי געדאַרפט אָנגערופן ווערן — באַמערקונגען; אַן אָ נ ר ע ג, וואָס דערזעט דעם תמצית פון אַ ווערק און רעאַגירט דערויף. דעריבער איז דער מאָמענט — שאַפן — אַן אַנטפּלעקונג סיי ביים קינסטלער און סיי ביים קריטיקער, איינער און דער נעמלעכער כוח; איין און די זעלבע עמאָנאַציע. אויב ס'איז ניט אַזוי, וועט עס הייסן אַז קריטיק איז ניט קיין שעפערישקייט; דעם קריטיקערס וועג פון שאַפן איז ווי דאָס שאַפן פונעם ים; אַן עמאָציע, אַ געמיט, אַן וויזיע און אַן איבערלעבונג.

ליד איז איבערלעבונג. אַן איינציקע און אַן ערשטקלאַסיקע אַנטפּלעקונג. אַן אָריגינאַל. דער מאָמענט ש אַ פ ן איז ספּאָנטאַן אָבער נישט קיין בלינדע זאַך; ווייט נישט קיין סטיכישער כוח; ס'איז סדר, האַרמאָניע — גאַנצקייט.

אמת, די שעפערישע מאָמענטן בייטן זיך פונקט ווי עס בייטן זיך די יאָגנדע כוואַליעס פונעם ים; זיי קומען קיינמאָל ניט די זעלבע, כאָטש אויפן אויסקוק דוכט זיך אַז זיי זיינען איינע און די זעלבע — ים־כוואַליעס.

די מאָמענטן פון שאַפן זיינען אַלע מאָל אַנדערש לויט דער צייט־נאָך פונעם טאָג, וואָס האַלט אין איין אַפּלויפן אינעם צייטס מהלך.

ליבער לעיעלעס: אייער באַהויפּטונג, אַז צום ליד דאַרפט איר האָבן גאָר אַ ספּעציעלע צייט דערפאַר (איך פאַרשטיי אייך) און אַז פאַר אַן אַרטיקל, קריטיק, קאָלום, איז יעדע צייט — צייטיק. דאָס דאַכט זיך מיר איז אַביסעלע צוגעאיילט ביי אייך געזאָגט געוואָרן.

איך זאָג ניין. כאָטש מיט אַ האַלבן מויל, אָבער איך זאָג פאָרט ניין. עפּעס איז דאָ אַ געדאַנקלעכער רעוואָלט וואָס מאַכט מיך זיך אָקעגנשטעלן און זאָגן אַז איר מאַכט אַ טעות, אָדער איר זייט פון עפּעס דאָ פאַרבלענדט. מעגלעך אַז דאָס האָט צו טאָן מיט אייער מיינסטערשע טאָג־טעגלעכע שאַפ־אַרבעט — טעכנישע רוטין; איר זענט דאָך אַ צייטונגס־האַנט; אַ קאָלומניסט, אַ זשורנאַליסט און קריטיקער.

דאָך—און סע וועט זיין אַלע מאָל — דאָך!

ס'איז זיכער צו גלויבן אַנדערש: דער זעלבער עסיי וואָס איר האָט געשריבן נעכטן, ווען איר שרייבט אים אַ שטייגער היינט, צי אין פאַרשידענע אַנדערע צייטן, וואָלט עס פון אייך, אָן ספק, געשריבן געוואָרן אַנדערש; אפילו אַ טעגלעכער קאָלום מעג אויך צו דעם געפיל צוגערעכנט ווערן; אויב איר האָט דאָס אַרטיקל, עסיי געשריבן בייטאָג וואָלטן זיי אַנדערש געווען אַרויסגעקומען ווען איר שרייבט זיי ביידערנאַכט, צי ווען איר שרייבט זיי, למשל, דאָנערשטיק צי פרייטיק, וואָלטן זיי באַווירקט געוואָרן פון די טעג, פון דער שעה און אפשר פון דער רגע אויך; ווי דאָס פאָלק זאָגט: אין רגע בלי פגע.

צייט פון טאָג האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַ שרייבער, אַ מענטש; אויב ער איז נאָר ניט אין קיין טאָטאַלער דיקטאַטאָריש לאַנד, נאָר ער האָט שרייבערישע פרייהייט, איז ער דאַן שוין מער מענטש ווי אַ גלאַט מעכאַנישער קאָמפּיוטער...

וואָס דאַרפט איר מער? אָט האָט איר אַ פאַקט לדוגמא: איר האָט אָנגעשריבן אַ קאָלום, אַן אַרטיקל, אַ קריטיק צי אַן עסיי (עסיי איז ווי אַ ליד) און שטעלט אייך פאָר אַז ס'איז פאַרלאָרן געגאַן; נו? וועט איר מיר זאָגן אַז איר וועט זיך אַ נעם־טאָן און אָנשרייבן אַ צווייטס און עס וועט אַרויסקומען וואָרט ביי וואָרט אָדער שטימונג און שטימונג, צי אפילו געדאַנק מיט געדאַנק וועלן זיין קאָפּירט ווי מצות? עס גלויבט זיך קוים.

אַוודאי וועט דאָרט זיין די טעמע, דער פאַרטראַכט דערזעלבער וואָס איז אייך פריער איינגעפאַלן און האָט אייך אָנגערעגט צו שרייבן און רעאַגירן לויט אייער אינדיווידועלן פאַרשריפט אין איינקלאַנג מיט אייערע פּרינציפּן און די שרייבערשע קאָנצעפּציע, אָבער אַנדערש וועט עס זיין געאַנדערשט מיט יעדן מאָל וואָס אייך וועט אויסקומען אין אַן אַנדער צייט די זאַך האָבן געשריבן; איך בין אפילו ניט זיכער צי ריין סטיליסטיש וועט ניט זיין דאָס אַרטיקל פאַרענדערט.

אַדרבא, זאָל אַ שרייבער אָנשרייבן אַן אַרטיקל און עס פאַרבאָרגן ערגיץ אין אַ באַהעלטעניש און פּרובירן אָנשרייבן אַ צווייטס טאַקע אויף דער זעלבער טעמע, וועגן זעלבן ענין, באַהאַנדלען די זעלבע פּראָבלעמען און דערנאָכדעם זיי ביידע פאַרגלייכן; עס וועט זיך אַרויסווייזן: די טעמע איז די זעלבע, דער ענין מיט פאַקטן און אַלע פּראָבלעמען זיינען די נעמלעכע, נאָר עפּעס איז שוין דאָרטן דאָ פון אַזאַ מאָמענט וואָס ער האָט פאַרפיקסירט אַזוי, אַז אַלץ איז אַנדערש פאַרקערפּערט.

דאָס איז נאָר דערפאַר וואָס דער שאַפערישער מאָמענט האָט בלויז צו טאָן — ווי מיר דוכט זיך אין מיין גלויבן דערין — מיט דער קינסטלערישער זייט פון שאַפן: עמאָציע, געמיט, באַשייד, און טראַכטנדיק שוין מיט אַנדערע ווערטער, זיינען זיי געוואָרן די ווערט פון דער אַנדערער זייט פון דער זעלבער מטבע.

איך בין וואָך געגוג, מיין ליבער לעיעלעס, צו וויסן אַז איר זייט זייער גוט באַהאַוונט מכוח דעם פּראָצעס — שאַפן, שרייבן. איך איז איבעריק צו באַווייזן אַז ס'איז מעגלעך צו צעשפּאַלטן אַ האָר איבער דעם ענין. אָבער ווי איר שטעלט אַוועק דעם אַקצענט „דער קינסטלער און דער קריטיקער" ווערט עס תיכף פאַרוואַנדלט אין אייער ספּעציפישער קריטעריע — קריטיק ווערזוס קריטיק. און גאָרניט קען מען שוין דאָ אָפּדינגען צי אפילו קליגעריש אַנדערש צעקלינגען..

נאָר ווערדליק דעם־אַ יאָוועך זיך שוין פאַרשידענע ספקות וואָס קאָמביגירן זיך מיט די אויספרין בנוגע אייער טעזע: אַרטיקל, עסיי (קריטיק אויך) קאָן גע־שריבן ווערן צו יעדער צייט פון אַל־דער צייט אין מעת־לעת. נאָר לגבי ליד? בלויז אין דער באַשערטער צייט... אין אַ מזלדיקער שעה... ווייסן מיר אָבער פון געוויסע פּאָעטן וואָס באַרימען זיך אַז זיי שרייבן לידער ווען זיי ווילן, שרייבן פון דריי ביז זיבן לידער אַ טאָג. כאָטש דער נומער 7 איז דאָ דווקא—פּאָעטיש— זייער כאַראַקטעריסטיש...

איז ווידער אַמאָל, ווערדליק אייער טעזע, קומט עס אויס אַז שרייבן איז נישט מער און נישט ווינציקער ווי מלאכה. כאָטש אפילו אַזוי, איז דאָ די מלאכה — ברכה; פּאָרט ניט מעכאַניק אַליין... בפרט, איך גלויב קוים צי איר מיינט עס טאַקע אַלע מאָל אַז ס'איז אַזוי־אַ פּשוט.

שרייבערייַ — אַ חוץ ליד — ווערט געשריבן מעכאַניש, ממש, ווי אַן עלעק־טרישע שרייבמאַשין. און שרייבן פּראָזע איז אַזאַ איינפאַכע זאַך ווי בייטן אין העמד אויף אַ צווייטער; היינט, מאָרגן; אַלע צייטן זיינען די זעלבע ווען מע שרייבט אַן אַרטיקל וכדומה. אַגב איז דאָ פאַראַן אַ ביז גאָר אַנדערשדיקער אונטערשיד פון שרייבן אַן אַרטיקל אויף דער זעלבער טעמע פאַר אַ צייטונג, פאַר אַ זשורנאַל, צי גאָר אַ קאַפּיטל אין אַ בוך. אַזוי זע איך דעם אופן שרייבן בכלל. אויך צו פּראָזע פאָדערט זיך אַ העכערע כוונה אַזיסט ווערט עס אַ סכנה!

אַוודאי האָט דאָס ליד מער געזעצן סיי אויסערלעכע און סיי אינערלעכע, וואָס דאָס אַליין איז שוין דער גרויסער יחוס קעגן דער פּראָזע. דאָס ווייסט דאָך איעדער איינער; אפילו דער אָרדינערער לייענער. און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך ווען מ'זאָגט ל י ד, מיינט מען דאָ צום אַלעם ערשטן, דאָס מעטרישע, דאָס לירישע; דערצו נאָך אויב עס איז נאָך אין אַ באַשטימטער פאָרעם: סאָנעט, טריאָ־לעט, ווילאַנעל, ראָנדאָ, סאָנעטן־קייט וכדומה; ווער שמועסט נאָך ווען מע אַרבעט אַריין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון גראַם־שאַרעם, איז עס געוויס אָפּגערעדט אַז ניט יעדע צייט פון טאָג שרייבט זיך אַזוי זויבערדיק און צויבערדיק — זינגט זיך אַזוי ניגונדיק.

אַ סימן האָט איר: וואָלט איך תיכף רעאַגירט אויף אייער אַרטיקל וואָלט איך מסתמא געשריבן מיט עספּרי, מיט עמאָציע, מיט מער היץ און ברויז.

אָבער פאָרט! שרייבן מיינט דאָך טראַכטן, אָפּערירן מיט געדאַנקען און אַט־דער פּראָצעס איז ניט געבונדן בלויז צום קאָפּ אַליין; ער שטראָמט דורך אַלע

חושים. אויב ס'איז פולשטענדיק ניט אַזוי־אַ — בלב ורוח — זעט זיך בפירוש אַן די ווייסטע מעכאַנישקייט, די פאַלשע שטעך פונעם שרייבער, וואָס עקספּלואַטירט זיך גופא מיט זיין נאָדל־פּאָדים, עס פאַלן פון אים טראָפּנס ווי ער וואָלט געזעסן אין אַן עכטער שוויצאַרניע און ניט ביי זיין שרייבטיש.

עס זיינען דאָ אַזעלכענע שרייבערס אויך וואָס עקספּלואַטירן זייער פּען.

געוויס האָט די קריטיק ניט אויסגעאַרבעט אַזעלכענע מינים אַרטן מיט אויסערלעכע מאָדוסן פון פאָרמוליסטישן מאַנעריזם ווי די פּאָעזיע האָט עס אויסגעאַרבעט פאַרן געשטאַלט פון ליד. דאָס איז אמת. אָבער פאַרשידענע אַספּעקטן ווענדט די קריטיק אָן היפּש פּילזייטיק. חוץ לזה, האָט זי אויך אירע אופנים: רעצענזיע, מאָנאָגראַפיע, עסיי, אימפּראָוויזאַציע, קאָנסטרוקטיווע אַנאַליטיק; היינט די אַלע בידנע טייטשער און בייטשער וואָס מאַכן זיך אַ נאָמען דורך ציטאַטעווען און צעקאַטעווען שרייבעריש האָב־און־גוטס, וואָס העלפט זיי זיך אַרויפדראַפּען צום קריטישן מצב און ווערן אַזויערנאַך — ציטאַטניקעס...

יאָ, ליבער לעיעלעס, דאָס וואָס איר שטעלט אַוועק דעם קינסטלער און דעם קריטיקער אויף צוויי באַזונדערע פּעדעסטאַלן וועט קיינער נישט אויסהאַקן אייערע שויבן דערפאַר. וואָרן איר פאָרמולירט קלאָר, דייטלעך און זייער טרעפלעך וואָס דער קריטיקער דאַרף זיין אין דער ליטעראַטור. איר בויעט אויף באַרעכטיקטע אויספירן וואָס דערגרייכן אַזאַ כוללדיקע גאַנצקייט, צו וועלכע די קונסט שטרעבט דערצו און דערוואַרט אַוודאי אַז דער קריטיקער זאָל ניט אָקעגנטראָגן זיין דערעליקציע צום סאַמע פנים פונעם קינסטלערס וועלט און זיין שאַפונג.

פאַר אָט־דעם אַרויסזאָגן זיך אַזוי קינסטלעריש געטריי ווי נאָר דער פּאָעט מיט אייער אַחריות שטעלט זיך אין פאַרן אמת פון דער זאַך וואָס איז נאָר לטובת דער זאַך גופא קומט אייך אַ דאַנק און איר געווינט מיין צוגעבינדקייט צו אייך און צו אייער אמת, וואָס איז אַלעמענס אמת — דער תוך פון שאַפן.

עס בלייבט בלויז די פּלוגתא ביי אייער גוואַלדאַוונעם זאָג מכוח שרייבן אַן אַרטיקל, אַז יעדע צייט איז גילטיק דערפאַר; ווען מען וויל קאָן מען שרייבן, מ'דאַרף נאָר אויסשטרעקן דעם אָרעם פאַר דער פּען און עס גייט געשמירט, אַלץ קייקלט זיך! דאָס קען איך באַין אופן ניט מסכים זיין מיט אייך; מחמת שרייבן, אפילו אַ בריוו, איז פאַרט ניט ווי שטעפּן אויף אַ מאַשין צי פירן אַן אויטאָמאָביל, כאָטש דאָ פאָדערט זיך אויך אַ סך דערפאַרונג.

הכלל, שרייבן איז ניט אָפּהענגיק פון צייט אַליין, דאָס ווייסט איר גאַנץ גוט און ניט אין דעם מתנגדישן זאָג אייערן גייט עס אונדז, נאָר אַז ליד זענט איר ניט גרייט צו שרייבן ביזקל עס צעוויגט אייך דער ניגון... ריכטיק. מסכים מיט אייך ווי גאָט האָט געבאָטן: בכל לבבך ובכל נפשך, אַז פריער פאַרן ליד מוז קומען דער ניגון, אָבער עס טוט זיך ניט אַזוי גרינג שרייבן אַן אַרטיקל אויב חלילה די טראַכטנדיקע געדאַנקען האָבן ניט וואָס צו וועגן...

ניט אַזוי, ליבער לעיעלעס ?

און דאָס באַציט זיך בנוגע אַ קאָלום, אַרטיקל צי אַן עסיי.

נאָר אין שייכות מיט דעם פּראָבלעם האָב איך צוגעטשעפּעט די צוויי בריוו; זאָלן זיי העלפן באַגלייטן אָט־דעם ליטעראַרישן שמועס.

* * *

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 17, 1961

מיין ליבער מאַטעס דייטש:

איר האָט אַ זייער וואויל, גוט דורכגעטראַכט אַרטיקל וועגן פּאָעזיע „אָן וואַלסן" אין דעם נומער 26-27 „חשבון". נישט אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק זעט מען ביי אונדז אַזוינס.

מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך געמיט קלאָר צו מאַכן פּאַרן לייענער און באַך מער פאַר די קאַלעגן־שרייבערס, אַז פּאָעזיע איז די קונסט פון שפּראַך געגנוי ווי מוזיק איז די קונסט פון קלאַנג, מאַלעריי — די קונסט פון פאָרמען, פלאַכן און סאָלידן. דאָס איז ממש אוממעגלעך געווען אַריינצודאַלבען אין די קעפּ — אפילו שריי־בערישע. ש. ניגער ע"ה האָט כסדר פּאָלעמיזירט קעגן מיר דערפאַר. האָט ער אפשר טאַקע [אַביסל] פאַרשטאַנען קולטור און ליטעראַטור, ווי אַ ט י י ל פון קולטור, אָבער נישט פּאָעזיע ווי אַ קונסט.

אין אייער אַרטיקל האָט איר אָנועקגעלייגט דעם פינגער אויף דעם צענטער פון דעם פּראָבלעם. ביז דאָס וועט נישט באַנומען ווערן אינגאַנצן, אין דער פולער פיל־פיל־עטאַזשיקער טיף, וועט סיי ביי די גויים, סיי ביי אונדז דער ענין פּאָעזיע זיין נאָר עפּעס אַ האַלב־געבאַקענער י ש, אַ רויער פּעל, אי דאָס אויף דעם העכסטן אומדערגרייכלעכן צווייג — אין אַ ווינטיקן נעפּל דערצו.

עס טוט מיר הנאה וואָס ס'איז דאָ אַ „חשבון", וואו איר קאָנט אָפּדרוקן אַזאַ ווערטיקן עסיי. איך בין מסופק צי אַנדערע זשורנאַלן וואָלטן זיך געאיילט אויפצוכאַפּן אייערע זייער טרעפלעכע און צום תוך דערגייענדיקע געדאַנקען. פּאָעזיע — נאָר אָן וואַלסן... באמת, דאָס איז אַ זאַג פון אומגעווינלעכן און דויערנדיקן ווערט.

איך קאָן אייך זאָגן אַז איך האָב פון אייער אַרטיקל געהאַט כמעט דיזעלבע באַפרידיקונג ווי פון עזראַס רעצענזיע אין „גאָלדענע קייט" וועגן ב. חרושאָוו־סקיס איבערזעצונג אויף העברעאיש פון אַ באַגרעניצטער צאָל לידער מיינע. אויך דאָרט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אַריינבליק אין דעם ע צ ם פון פּאָעזיע, און מיין הנאה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אין פלוג פאַרגעסן אַז דאָס רעדט זיך וועגן לידער וואָס האָבן אַ שייכות מיט מיר.

אָביעקטיווע באַפרידיקונג, אָביעקטיווע געניסונג — דאָס איז די מאָס פון באַנעמען קונסט, פונקט ווי דער קינסטלער שאַפט וויכטיקס בלויז ווען ער קאָן זיך אָביעקטיוויזירן לגבי דעם ווערק און נישט טראַכטן: Where do I shine in?

פאַראייניס בין איך אויך צום גוטן באַאיינדרוקט געווען פון שלמה שוואַרצס ליד, וואָס — אויב איך האָב נישט קיין טעות — איז אַ ידידיש, וואַרעם בריוול צו אייך.

זייט מיר געזונט און שטאַרק.   אייער,   **א. לעיעלעס**

* * *

דעם 2טן אָקט., 1959 — כ"ט אלול, תשי"ט

מיין ליבער יעקב גלאַטשטיין שליט"א:

היינט געקראָגן אַ בריוו פון אונדזער פריינט גלאַנץ־לעיעלעס און ער שרייבט מיר אַז איר האָט אינעם „יידישן קעמפער" אַן אַרטיקל וועגן מיר מיט

אַ סך לויב; אָבער צו דער זעלבער צייט האָט מיר משה שטיינגאַרט שוין געהאַט צוגעשיקט דאָס אַרטיקל — פריינט זאָל מען האָבן.

איבערלייענענדיק אייער אַרטיקל, איז דער ערשטער איינדרוק ביי מיר געווען אַזאַ:

איר רעדט דירעקט צו מיר און בשעת מעשה פאַרגעסט איר אינגאַנצן אַז ביי דער זייט שטייט אויך דער ליבער לייענער פון פּאָעזיע און גאַרט, בכל עצמו, עפּעס ויסן וואָס איר רעדט צו דעם א י ש מאַטעס.

איר זעט, מיין טייערער יעקב, מיר זיינען ווי אין אַ פאַרבישופטער שטראָף (ניט קיין קללה חלילה) נאָר מיט אַזאַ שווערן גודל, וואָס ס'איז ממש פאַטאַל; וויל ווען מיר טוען זיך נאָר צורירן צו די לידער פון דער היינטיקער פּאָעזיע, שרייבן מיר, אומגעבעטענערהייט, מכוח זייער שוועקייט, טאַקע גאָר מיט אַ באַזונדערער ש ו ע ר ע ר האַנט . . .

ניט אַזוי, ר' יעקב?

ווי מיר שיינט, האָט ביי אייך די הקדמה וועגן מאָדערניזם פאַרנומען דאָס אָרט (ווי די פעטע זיבן קי אין פרעהס חלום) כ'מיין דער מאָדערניזם האָט ביי אייך איינגעשלונגען די שפּאַלטן וואָס איר האָט געדאַרפט צוטיילן דעם ברייטן אַנאַליז וואָס אַזאַ בוך פאָדערט פון אַ קריטיקער־פּאָעט פון אייער שניט.

ניט אַזוי, ר' יעקב?

אמת, צום סאַמע סוף איז ער טאַקע געקומען אינעם אופן פון דעם דרינג־לעכן אַנאַליז, און איר וואָלט זיך בפירוש ערשט געקאָנט אַ לאָז טאָן מיט אייער פען, ווי דער געניטער מאָלער מיט זיין פענזל — אַהער־אַהין, אַרויף־אַראָפּ און אפילו איבערלאָזן — — — פאַרזעצונג קומט . . .

נאָר אַזוי איז שוין ביי שרייבער די צרה, וואָס דער סוף קומט תמיד אויס אַז ער זאָל זיך אונטעררוקן ביים סאַמע ע נ ד ע פון דער זאַך...

איז וואָס קענען מיר טאָן קעגן אַזאַ גזר פון דער מאַטעמאַטיק?

האַ? ניט אַזוי, ר' יעקב?

אַוודאי וואָלט איך געווען שטאַרק צופרידן, און סע וואָלט געוויס געווען זייער נוצלעך פאַרן לייענער אויך, ווען דער צופאַל זאָל געווען באַשערן אַנדערש: איר זאָלט געווען אייער אַרטיקל אָנהייבן פאַרקערט — דווקא פונעם סאַמע סוף...

נאָר וואָס איז דאָ שייך צו פלעכטן צעפּלעך מכוח סוף אַהער און סוף אַהין, אַז בנוגע אַנדערשקייט — ביי אייך איז עס מאָדערניזם — דאַרפן מיר נאָך אַלץ אָנהייבן צוריק פונעם קינדערשן ערשטן שפּאַן. לייענט, זייט אַזוי גוט, לעיעלעס בריוו, ער איז פּאַקט.

אין יעדן פאַל, דאַנק איך אייך; ס'איז פּאַרט אָפּגעגאַנגען מיט חסד רב; דער חודש אלול מאַכט פאַרט ציטערן אַ פיש אין טייך— כ'מיין דעם ליטעראַרישן, וואָס אין זיין גאָרער טיף זיינען פיל אומזיסטע שרייבערישע טרערן אַריינגעפלאָסן הייס און זודיק . . .

אַגב זיינען אין אייער אַרטיקל דאָ שטעלן פון אַ באַרג־טאַליקער פאַרמאַציע, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט וועגן זיי אַרגומענטירן אין גרויס און אין פיל רדאַנג־לעניש, אויב מיר וואָלטן זיך אונטערגענומען זיי אויסצוגלייכן...

כאָטש ווי מיר דאַכט זיך אויס (ווען עס צעווערטלען זיך ביי מיר מיינע פּאָעטישע געפילן...) זיינען מיר, אין דער פּאָעזיע בפרט, געבליבן נאָר מיט אַ גוטן — אפשר בעסטן — אינסטרומענט, און דאָס איז אונדזער לשון... טייערער גלאַטשטיין: איך ווייס ניט ווי איר, איך האָב ניט מער ווי דאָס אַכפּערנדיקע לשון־יידיש; קיין איצטיקע יידישע געשטאַלטן האָב איך ניט, קיין יידישע יאָרידן אויך ניט, די מערק מיט יידישע זיצערקעס אויך ניט; יידישע ווערקשטאַטן, וואו די בעל־מלאכות פלעגן לייענען יידישע לידער ביי דער נאָדל־שער־און־אייזן, אויך נישט. בכלל, דאָס גאַנצע אַ ל ץ וואָס ס׳איז אַמאָל געווען אין די יידישע שטעט־שטעטלעך, האָב איך פאַר זיך ניט אַ חוץ אין מיין דמיון — קיינער האָט פון אונדז ניט דאָס וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט האָבן פאַר דער פען...

דערימעך לעבט ביי מיר נאָר דאָס לשון; עס זידט און קאָכט און וואַקסט — עס יערט אַרום מיר יעדע מינוט.

יאָ, נאָר אָט־דעם אינסטרומענט האָב איך אין פולער מאָס.

מיט גרויס ליבשאַפט צו אייך און צו אונדז אַלע...

אייער יידיש פאַרליבטער, **מאַטעס דייטש**

* * *

און איצט, תנו רבנן?

יאָ. איך האָב נאָר געבראַכט די צוויי בריוו בלויז לשם אילוסטראַציע — פּאָלעמיק!

אונדזער ליטעראַריש־יידיש וועלטל איז דאַכט זיך נ י ל לגבי די ליטעראַטורן פון די גרויסע פעלקער; עס אָטעמט ממש אי שרייבעריש, אי לייענעריש דורך איין לעכל פון די פאַרלייגטע נאָזלעכער; און דאָך, ווערליק אַזוי, איז די פּאָלעמיק ביי איר חלילה נישט קיין ענעמישע... אדרבא, טראָץ דעם בלאָזן פון זיך מיט אַן אָטעם פון אָט־אָט — איר לעבן איז פאַרביי! איז פונדעסטוועגן איר פּאָלעמיק שאַרפער פון שאַרף.

אפשר איז עס דער נייטיקסטער באַדאַרף?!

מחמת סיי דער קינסטלער און סיי דער קריטיקער איז דאָך אוודאי ביי זיך ניט קיין „אַגנוס דעאי"! נישט מער ווי גאָטס אַ נעבעכל!

ס׳איז מהאי טעמא קיינער פון דיביידע נישט קיין מעביר על מדותיו.

צי דאַרף פּאָלעמיק זיי שטעלן אויף די אייגענע פיס? אָנצייכענען דעם קרייז פון זייער באַרעכטיקטער טעריטאָריע?

צי ס׳איז...

קינסטלער און קריטיקער — אַן אייביקער קאָנפליקט!

דאָס שטויסט אַלעמאָל, יעדן נייעם דור צו פרישער און באַנייטער פּאָלעמיק.

---

## יידישער לייענער!

**טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס׳איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש — באַוויזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון" — די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.**

לוי גאָלדבערג

# דאָס לעצטע ווערק

דאָס לעצטע ווערק, קען זיין אַמאָל אויך ניט דאָס לעצטע,
ווען גאָט באַקערט צו דיר זיין האַנט — און פירט דיך ווי אַ קינד
אַריבער אַלע שטרויכל-וועגן, דורך רעגן, שניי און ווינט,
אין אַנגעזיכט צום ליבן הויז-געזינד, און פריינט דיינע, געשעצטע.

דאָס לעצטע ווערק:—ס'איז ניט פאַר דיר, אין גורל דיינעם, צו באַשטימען.
וויים! דיין אָטעם און דיין בלוט, עס רינט דורך „זיין" באַגער.
ציל אָן דיין אויג צו אים, פאַרנעם אים פרום אין דיין געהער
און לויב אים מיט אַ תפילה, ביז דו אַנסט דעם סימן.—

דאַן פאַל אין פאַרכט. און אַז ער וועט דיר הייסן אויפשטיין — במילא
וועט עס שווין זיין צום גוטן, אין דיין גורל, פון אויבן צוגעגרייט.
ס'וועט איבער דיר די שכינה צינדן פון דיין הארץ, געבענטשטע רייד,
און נאָך אַ ווערק — פון זיין השגחה —וועט זיך אויף דיין מזל ציילן.

# אַז „ער" וועט רופן

כ'בין געקומען פון ערב-טאָג צו ערב-נאַכט
און וועל דערגיין צו דער נאַכט גופא.
כ'האָב ניט געהערט דעם רוף, ווען ער האָט מיך אַהער געבראַכט,
און וועל דערהערן, ווען „ער" וועט רופן.

און אַז ער וועט רופן — אין אַ לייוונט-קלייד
מיטן מלאך וועל איך גיין אינאיינעם
צו זיין היכל. — און פאַר די ערשטע רייד
צו אים — אויפן קול כ'וועל זיך צעוויינען.

ווייל בלייבן וועט נאָך מיר אויף ערד
מיין צער אין שפּראַץ פון מיינס אַ שורש,
און זיין באַזינטער וואָרט — צו מיר באַקערט —
און מיינס אַ ספר, אָן אַ יורש...

וועט צווישן טרער נאָך טרער, כליפּ נאָך כליפּ,
גאָט, ווי פאַר אַ נסיון שטיין פאַרצווייפלט;
ביז אַרויפטאָן וועט ער זיינע פינגער אויף מיין ליפּ,
מיך איינשלעפערן, ווי אַ מאַמע, אין געוויין פון אירם אָן עופל.

ד״ר שלמה סימאָן

# אַלץ אין נאָמען פון קונסט

(וועגן יצחק באַשעוויס־זינגערס בוך „דהי ספינאָזאַ אָוו מאַרקעט סטריט״)

איז קונסט מתיר אַלץ? מעג מען אין נאָמען פון קונסט מאַכן אַ קאַריקאַטור פון יידישן לעבן? מעג מען צוליב קינסטלערישע עפעקטן אַרויסשטעלן יוצא מן הכלל געשעענישן, וואָס זיינען דאָ ביי אַלע פעלקער און אין אַלע געזעלשאַפטן, ווי דעם כאַראַקטעריסטישן לעבן־שטייגער פון אַן עדה?

אַוודאי קאָנען מיר עס קיינעם ניט פאַרווערן צו טאָן. מיר האָבן ניט קיין לעגאַלע מאַכט איינצופירן אַ צענזור, און ווען אפילו מיר וואָלטן געקאָנט פאַרווערן אַזאַ מין שרייבן, טאָרן מיר עס ניט טאָן. עס איז דאָ אַ קלוג יידיש ווערטל: „מיט קיין אייגענער אייל קאָן מען די גאַנצע וועלט ניט מעסטן.״ אָבער דאַרפן מיר זיך צעצקען מיט אַזאַ מין שרייבן? מעג אַ יידיש געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג (אין איצטיקן פאַל, „די דזשואיש פּאַבליקיישאַן סאָסייעטי״ אין פילאַדעלפיע) בעמען אויף זיך די עובדה צו פאַרשפרייטן אַזאַ בוך צווישן דעם ניט־יידיש־ריידנדיקן עולם, וואָס איז גאָר ווייניק באַהאַוונט אין יידישקייט, ווי אַ מוסטער פון יידישער שאַפונג און שעפערישקייט?

איך שטעל די דאָזיקע האַרבע פראַגע בנוגע באַשעוויס־זינגערס בוך אויף ענגליש: „ספינאָזאַ אָוו מאַרקעט סטריט״, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „פאַראַר און סטראַוס״ — און די „דזשואיש פּאַבליקיישאַן סאָסייעטי״ האָט ניט נאָר גענומען אַ צאָל ביכער צו פאַרשפרייטן צווישן אירע מיטגלידער, נאָר אויך אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן בריוו צו אירע אַבאָנענטן וועגן דעם בוך. אַ זאַך וואָס זי טוט זעלטן.

לאָמיר דאָ באַלד באַטאָנען: באַשעוויס איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. אמת, דאָס איצטיקע בוך איז פול מיט שדים, רוחות, גייסטער, טייוואָלים, לאַפּיטוטן, און דער אַשמדאַי אַליין איז אַ בן־בית אומעטום. אויך לילית איז אַ נאָענטע שכנה. יענע וועלט און די וועלט איז אַ שטוב מיט אַ קאַמער און די רעאַליטעט איז אַ חלום און דאָס אויסגעטראַכטע איז וואָר. די צוקונפט ווערט פאַראויסגעזאָגט און דאָס פאַראויסגעזאָגטע ווערט מקוים. אָבער ניט געקוקט אויפן גאַנצן האָקוס־פּאָקוס ווירקט באַשעוויס אויפן לייענער און מען גלייבט אים דאָס אומגלייבלעכע און מען פאַרזעט זיין געקינצלטקייט און מען נעמט אָן פאַר אַן אמת, וואָס ער דערציילט וועגן יידיש לעבן. באַזונדערס ווירקט ער אויף די, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיטן יידישן לעבן־שטייגער, ווייל ער, באַשעוויס, איז אַ טאַלאַנט און מען גלייבט אים אפילו ווען ער דערציילט אַז שוואַרץ איז גרין. אַלץ וואָס ער דערציילט וועגן יידן קלינגט אמת, דערפאַר איז די חרפה אַזוי גרויס און דער וויטיק אַזוי שאַרף.

אויף דער הילע איז דאָ אַ געמעלעכץ פון די העלדן פון די דערציילונגען, איז אויף דעם געמעלעכץ ניטאָ קיין איין נאָרמאַל פּנים. אויך צווישן די העלדן פון בוך איז מיט איין אויסנאַם (אין דער דערציילונג „איי פיס אָוו אַדוואַיז״) ניטאָ קיין איין נאָרמאַלער מענטש. מילא, דאָס קען מען אים מוחל זיין, באַשעוויס

זעט אומעטום אומנאָרמאַליטעט. מער פריקרע איז זיין פאַרנעמען זיך מיט געשלעכטלעכער אַבנאָרמאַליטעט. יידישע אמונה האַלט ניט פון אַסקעטישקייט. ניין, יידישע אמונה האָט געהאַלטן, אַז געשלעכט איז אַ גרויסער ענין און די באַציאונג צווישן מאַן און פרוי איז איינע פון די שענסטע מתנות וואָס גאָט האָט געשענקט דעם מענטשן. עס איז ניט דאָ דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין חקירות און ציטאַטן. אָבער נאָר איין מאמר חז"ל: „איש ואשה זכו שכינה ביניהם", אַז אַ מאַן און אַ פרוי, ווען זיי האָבן די זכיה, רוט די שכינה צווישן זיי. אין די עלף דערציילונגען, מיט אַן אויסנאַם דורך אימפּליקאַציע, איז ניטאָ קיין זכר פון דער פרייד פון ליבע. איז עס פריקרע, בעיקר ווען מען ווייסט, אַז דאָס בוך באַשרייבט יידיש לעבן, ווען עס איז געווען גאַנץ, מאָנאָליטיש יידיש. נאָך מער פריקרע איז, וואָס ווען ער באַשרייבט אַ יידיש פנים, האָט עס בדרך כלל אַ פאַרדרייטע נאָז; אויף ענגליש האָט עס מער „חן" ווי אויף יידיש:

> *His nose was as crooked as a beak* (PAGE 3).
> *Her nose sloped like a ram's horn* (PAGE 37).
> *...a curly haired, black eyed imp with a hooked nose* (P. 162).
> *She had a long, pale face and a beak of a nose* (PAGE 164).

עס איז ניט רעכט צו איבערזעצן דאָס אויף יידיש, ווייל אין אָריגינאַל, אין יידישן טעקסט, קאָן זיין קלינגט עס נישט אַזוי שלעכט. אָבער איך שרייב וועגן דער ענגלישער ווערסיע.

יאָ, עס איז אויך פריקרע צו לייענען אַ גאַנץ בוך דערציילונגען, וואו יידיש לעבן ווערט געזען אין אַ קרומען שפּיגל. אָבער דאָס איז אַלץ אַ קלייניקייט קעגן די דירעקטע בלבולים, וואָס זיינען דאָ קעגן יידן.

איך וועל דאָ ריידן באריכות נאָר וועגן איין דערציילונג: „דער חורבן פון קרעשעוו." ער דערציילט ניט ווי היטלער ימח שמו האָט חרוב געמאַכט אַ יידיש שטעטל. ער דערציילט פון אַ יידיש רשעותדיק שטעטל, ממש סדום, וואָס אַ יידישער יונגערמאַן, אַ קרבן פון דער שטעטלדיקער רשעות, האָט עס אונטערגעצונדן.

אָבער פריער איין באַמערקונג. איך וויל אָנווייזן אויף אַ טשיקאַווער שטעל אין דער דערציילונג: „אַ מעשה וועגן צוויי ליגנערס." עס איז מיר טשיקאַווע ביז גאָר. באַשעוויס וואַרפט אויף יידישע שרייבערס, אַז זיי זיינען קנאַפּע קענערס אין ענינים פון דער וועלט-קולטור און בעיקר היפש שטומפּיק אין יידישע ענינים. אָבער ער אַליין האָט אין דער דערמאָנטער דערציילונג דערציילט עפּעס, וואָס קאָן בשום אופן ניט פּאַסירן, ווייל ווי פאַרדאַרבן אַ דיין זאָל ניט זיין, וועט ער ניט עובר זיין אָפן אויף אַ בפירושן דין. איך בין חושד, אַז באַשעוויס האָט אומישנע דערציילט אַן אוממעגלעכקייט צוליב באַשרייבן אַ זנות-עפּעקט.

ער דערציילט וועגן דער פאַרדאַרבענער פרוי גליקע-גנענדל, אַז זי איז געפאָרן אָפּנעמען איר גט, וואָס דער שווינדלער, איר מאַן, אַ משולח פון ירושלים, האָט איר געשיקט מיט אַ שליח. זי קומט צום דיין, אַז ער זאָל שיקן נאָכן שליח מיטן גט. דער דיין זאָגט איר, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן על פּי דין און זאָל זי אַליין גיין צום שליח אָפּנעמען דעם גט. זי גייט צום שליח און ער וויל איר ניט געבן דעם גט, סיידן זי זאָל מיט אים מזנה זיין. זי איז מסכים און אין דער מינוט

וועט ביידע וואַלגערן זיך אין שטאַל אויפן היי, באַפאַלט די פּאָליציי די שטאַל און — — — מילא, די מעשה נורא בין איך אייך מוחל. אָבער אַ רב, אַ דיין, וועט קיין מאָל ניט זאָגן אַ פרוי צו גיין אָפּנעמען אַ גט פון אַ שליח אונטער פיר אויגן. פשוט, אַזאַ גט איז קיין גט ניט. דער שליח מוז אָפּגעבן דעם גט דער פרוי פאַר צוויי עדות. עס איז אַ בפירושע גמרא: גטין דף ה׳ עמוד א׳. אין „אבן העזר", וואָס איז דער שולחן ערוך וואָס רבנים פסקנען שאלות פון אים, איז אין פרק קל"ג ווערט גערעדט וועגן דעם ענין באריכות. דאָס קאַפּיטל רופט זיך: „צריך שימסר הגט בפני שני עדים כשרים"—„ער מוז איבערגעבן דעם גט אין דער קעגנוואַרט פון צוויי עדות." און עס ווערט געזאָגט אין סעיף א׳ קלאָר, אַז אויב ער האָט איר איבערגעגעבן דעם גט אָן עדות, אין דער גט קיין גט ניט.

ווייס איך ניט, אפשר האָט באַשעוויס ניט געוואוסט וועגן דעם דין. עס גלויבט זיך ניט. ער איז אַ רבס אַ זון און ווי ער דערציילט אַפּט, האָט ער ביי־געוואוינט גטן. האָט ער אומישנע עס געטאָן, כדי צו קאָנען דערציילן אַ פעפער־דיקע מעשה? אָבער ער איז דאָך ניט קיין אומבאַהאָלפענער שרייבער, וואָס דאַרף אָנקומען צו קונצן. פאַרשטיי איך עס ניט. עס בלייבט אַ קשיא פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן.

עס בייסט די צונג אויך צו פרעגן, ווי אַזוי און פאַרוואָס אַ יידישע עלטערע פרוי, די מאַמע פון אַ חתונה געהאַטער טאָכטער און אויך אַ מלומדת, ווערט מיט־אַמאָל אַ גנבטע, אַ שווינדלערין און אַ זונה? נאָר דאָס גייט אַריין אין גדר פון ליטעראַרישער קריטיק און איך בין דאָס ניט אויסן.

אָבער דער אמתער שטיק טאָרט קומט באַשעוויסן פאַר זיין דערציילונג „דער חורבן פון קרעשעוו", אַז ניט געדאַכט זאָל ווערן אַזאַ שטעטל. הערט דעם אָנהייב:

„די יידן פון קרעשעוו זיינען בעסער איינפאָרמירט און אין אַ בעסערער עקאָ־נאָמישער לאַגע ווי די פויערים. זייערע ווייבער זיינען די קרעמערס און זיי זיינען געשיקט צו געבן פאַלשע וואָג און פאַלשע מאָס. די יידישע דאָרפסגייערס ווייסן ווי איבערצוריידן די פויערטעס צו קויפן אַלערליי שמאָכטעס (טרינקעטס), צאַצקעס, און זיי קריגן פאַר דעם קאַרטאָפל, קוקורוזע, פלאַקס, הינער, ענטלעך, געגנדז, און אַמאָל עפּעס עקסטרע. וואָס וועט אַ פרוי ניט געבן פאַר אַ שנירל קרעלן, אַ באַמאָלטן פלעדערוויש, אַ באַבלימטן שטיקל ציץ אָדער אפילו אַ גוט וואָרט פון אַ פרעמדן? אַזוי, אַז עס איז גאָרניט איבעראַשנדיק, וואָס דאָ און דאָרט צווישן די פלאַקס־קעפּיקע קינדער קאָן מען באַמערקן אַ קוטשעראַוו־קעפּיק, שוואַרץ־אויגיק שדלע, מיט נאָז אויסגעבויגן ווי אַ קרוק (הוקד נאָז). די פויערים זיינען פעפערס, אָבער דער טייוול לאָזט ניט זייערע יונגע ווייבער רוען. ער פירט (אַלץ דער טייוול, פאַרשטייט זיך, און ניט באַשעוויס, חלילה.— ש.ס.) מיט הינטערוועגן צו די שטאַלן, וואו די קאַראַבייניקעס וואַרטן אויף זיי אין היי." (ז"ז 160-161).

ווער עס האָט געקענט יידישע בעל־מלאכות און קאַראַביינִיקעס, וואָס זיינען געגאַנגען איבער די דערפער, ווייסט, ווי אָפּגעהיט זיי זיינען געווען אין ניט עסן פון גויאישן טיש. איך אַליין בין געגאַנגען מיט מיין טאַטן דעם שוסטער אויפן דאָרף. גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך ניט געהאַט קיין ביסל וואַרעם געקעכטס אין

מויל, אַ חוץ שבת ביים קרעטשמער. דערציילט באַשעוויס אַ מעשה פון זנות, ניט ווי אַן איינצלפאַל, נאָר ווי עס וואָלט געווען אַ טאָג־טעגלעכע פּאַסירונג אין איינעם מיט יידישער אָפּנאַרעריי, וואָס ער באַטאָנט.

עס איז אַ ליגן, אַז יידישע דאָרפס־גייערס האָבן געבראַכט נאָר "טרינקעטס", צירונג, קלייניקייטן. יידישע פּעדלערס האָבן געבראַכט אין דאָרף ניט נאָר אַ סך נייטיקע זאַכן, נאָר טאַקע באמת ציוויליזאַציע. רייך געוואָרן זיינען זיי ניט פון זייער "אָפּנאַרעריי". וועגן דעם זנות — — — אפשר האָט אַמאָל אַזוינס גע־טראָפן, אָבער באַשרייבן עס ווי עס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג איז אי אַ פאַקטישער ליגן, אי אַ קינסטלערישער שקר.

וואָס טוען די יידן נאָך אַ טאָג אַרבעט? דאָ האָט ער שוין ניט געקאָנט צו־טראַכטן עפּעס מיאוס. אָבער ער האָט ניט פאַרגונען אונדז צו באַשרייבן די בתי מדרשים פול מיט לערנערס. זאָגט ער:

נאָך אַ מאַרקטאָג האָבן ניט די קרעמערס וואָס צו טאָן, שלייכן זיי זיך אַרום אין בית המדרש. אין ענגליש איז עס זייער תנוודיק: "העגג אַראַונד די סטאַדי האַוז". אָט ווי מען זאָגט אויף יונגע חברה, וואָס שלייכן אַרום אין אַ סאָדע קרעמל אָדער יונגען אין אַ "סאַלון". "זיי קראַצן זיך און בלעטערן דעם תלמוד, אָניט דערציילן זיי זיך שוידער־מעשיות וועגן שדים, רוחות און ווערוועלף" (ז' 161).

אין דעם דאָזיקן שטעטל קומט אָן אַן אייִדעם אויף קעסט און דער דאָזיקער יונגערמאַן, שלמהלע, איז אַ שבתי צביניק. ער רעדט צו זיין ווייב מזנה צו זיין מיט דעם פערד־אַנטרייבער פון איר טאַטן. דערנאָך קומט דער שבתי צביניק און איז זיך מודה פאַרן רב, אַז ער האָט געטריבן זיין ווייב צו זנות. דעמאָלט דעמאָלט קומען די שוידערלעכע סצענעס, ווי דאָס שטעטל רעכנט זיך אָפּ מיט דער זינדיקער ווייבל און איר געליבטן.

מען טרייבט איבער די גאַסן ליזען און מענדלען, איר געליבטן, און מען שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדער הויז און די איינוואוינערס פון די הייזער שפּייען איר אין פּנים און זידלען זי אויס.

מען האָט זי געפירט "אין אַ צעריסן נאַכט־העמד, אויפן קאָפּ אַ מאַקאַטערש־טשיק, אַרום האַלדז אַ קראַנץ קנאָבל, אין איין האַנט אַ בעזעם, אין דער אַנדער האַנט אַ פּלעדערוויש געמאַכט פון אַ פליגל פון אַ גאַנדז. אַרום די לענדן אַ שטריק פון שטרוי (ז' 208).

עס נעמען מיר ניט די הענט צו איבערדערציילן אַלע עינויים. אָבער דאָס טשיקאַווסטע איז, וואָס עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין ייד, אָט ווי אין סדום, וואָס האָט פּראָטעסטירט.

הלל ראָגאָף שרייבט (איך האָב פאַר זיך ניט דעם "פאָרווערטס" און איך ציטיר פון "די פּרעסע", אַרגענטינע, פעב. 4, 1962): "די יונגע יידיש־ענגלישע שריפטשטעלערס האָבן צוגעגרייט דעם וועג (פאַר באַשעוויסן" — ש.ס.). ראָגאָף דערציילט, אַז זיי האַלטן אים גרעסער פון שלום־עליכם און שלום אַש. ער ציטירט אין וויכטיקן זשורנאַל נאָכן אַנדערן און ער רעכנט אויס באַשעוויסעס באַרימט־קייט און גרויסקייט און גרויס חשיבות ביי די יידיש־ענגלישע קריטיקערס און ניט־יידישע קריטיקערס. ער איז ניט נאָר באַרימט ביי אַלע רעצענזאַנטן און קריטיקערס, נאָר אויך באַליבט. זייער פיין, זאָל עס באַשעוויסן וואויל באַקומען.

אָבער מעגן מיר מיט זיינע בילבולים שטאָלצירן, ניט געקוקט וואָס ער איז אַן אמתער קינסטלער?

אפילו אין די בעסטע זאַכן זיינע, ווי למשל אין „דער שטן פון גאריי", איז דאָס בילד וואָס באַשעוויס גיט פון יידישן לעבן, ניט אמתדיק. עס זעט אויס ווי איינער וואָלט אָפּגעשניטן דעם „לא" פון די עשרת הדברות און געטענהט: „האָב איך געפּעלשעוועט? שטייט ניט אין דער תורה „תרצח", „תנאף" און „תגנב"? האָב איך געגעבן מיינע אייגענע ווערטער!" איך מיין, אַז די דערציילונג „די דעסטראַקשאַן אָוו קרעשעוו" איז אַ גרעסערער בילבול אויף יידן ווי „פייגין" אין „אָליווער טוויסט" פון דיקענס. מסתמא איז געווען אַ פייגין, אָבער ניט ווי קיין יידישער טיפּ; אָבער אַזאַ רשעותדיק שטעטל ווי קרעשעוו איז קיינמאָל ביי יידן ניט געווען. חזר איך איבער מיינע פראַגעס:

דאַרפן מיר יידישע יידן, וואָס קענען יידיש לעבן און טאַפּן אַן דעם ליגן אין באַשעוויסעס קונסט, גרויסן זיך מיט אים? און מעג אַ יידישער געזעלשאַפט־לעכער פאַרלאַג נעמען אויף זיך צו פאַרשפּרייטן אַזאַ בוך צווישן דעם ניט־יידיש־ריידנדיקן עולם, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט מיט יידישקייט, ווי אַ מוסטער פון יידישער שאַפונג און שעפערישקייט? („פ.א.ש.")

---

די שונאי־ישראל מיט זייערע אַנטיסעמיטישע שמיר־בלעטלעך פון אומעטום האָבן זיך ניט געקענט ווינטשן צו געפינען קיין בעסערן קוואַל פאַר זייערע חוזק־דיקע בילדער און קאַריקאַטורן פון יידן, ווי אין דעם אַ"ג „קונסט־ווערק" פון יצחק באַשעוויס־זינגער'ס „דהי שפּינאָזאַ אָוו מאַרקעט סטריט", פון וועלכן זיי וועלן קענען שעפּן פולע עמערס שמירעכץ פון אונדזער אַן אייגענעם יידישן ברונען — דאַרפן זיי דען האָבן אַ בעסערע הסכמה?... אַז אַך־און־וויי אונדז!...
רעד.

---

**אברהם לעוו**

## צוויי לידער

### א.

### לייג נישט אָפּ אויף שפּעטער

דו לייג נאָר נישט אָפּ עס אויף שפּעטער,
ווער ווייסט וואָס דער שפּעטער וועט זיין.
דו זע, ווי אַ וואָלקנדל קלעטערט
פאַרנאַכטיק — אַ לאָגל מיט ווייַן.
דער צווייג זיינע זאַפטיקע בלעטער
ער שטופּט זיי אין שויב מיר אַריין.

ב.

## שטראָף זיי נישט, גאָט!

ניין, שטראָף זיי נישט גאָט פאַר די רייד,
צי ווייסן זיי דען וואָס זיי טוען?
דער טרויער, דער שטילער באַגלייט
וואו נאָר זיי גייען און רוען,
אין לעבן, קיין טראָפּן פון פרייד—
אַ וואָלקן פון שווארצע נבואה.

דערגראָבן זיך צו דעם באַשייד,
פּרוואווט יעדער אויף זיין וועג באַזונדער
מיט מידע, מיט שטרויכלינקע טריט.
איז ווי קען זיין גאָר אַ וואונדער—
וואָס באַשווערט איז זייער געמיט
און פאַרענגט זייער שכל...
אָ, זיי זיי גאָט מוחל!

---

העברעאיש: יעקב פיכמאַן    יידיש: ח. באַרקאַן

## בעסאַראַביע

די סביבה פון געבורטלאַנד— איצט מיט חיה-געברום —
די ערד פעט און ווארעם, און פריש ווי ערשט-געבאָרן;
ס'פליסט דער רעוועט, ווי איבערגעלאָזט אויף דער זון,
דרייט זיך שטיל און פאַמעלעך קעגן גאָלד פון קאָרן.

דורכזיכטיק איז אַרום, ביים עק פון וויינגאָרטן
וועבט אַ נוסבוים זיין שאָטן קעגן אַ ווערבע אַ הויכער;
זי חלומט אויף די בלויע לאַנקעס דאָרטן,
אין שטילן טאָל, פאַרבענקט און פאַרטרויערט.

ס'האָבן פּראָסטע יידן, שוויגערס, ווי ערד-גרודעס,
וויין-טרעגער, ברינדזע-מאַכער, אין זומער-היצן,
דאָרט געשמייעט היך-הער אין די האַרבסטיקע בלאַטעס.

וואו זיינען זיי איצט? אַ נאַכט-שטורעם מיט גלות
האָט זייער אַש צעשפּרייט אין דער צאַרנדיקער פרעמד,
און ווי דאָס זאַמד אין דער וויסט עס שלאָגט נאָך זייער בלוט.

שמואל סיגל

# די פרייד פון סיום און המשך

(רעפעראַט געהאַלטן אין ל. א. יידישן קולטור קלוב ביי דער פייערונג ווען עס איז דערשינען דאָס הונדערטסטע בוך ביים י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל־אביב)

יעדער איינער פון אונדז, וואָס איז אויפגעוואַקסן געוואָרן אין לעבעדיקע יידישע טראַדיציעס, וואו יעדער שפּאַן אונדזערער איז רעגולירט געוואָרן לויט אַ דין, לויט אַ מסורה אָדער אַ מנהג, ווארום: מנהג בישראל, תורה. מיר, וואָס האָבן געלעבט אין די געצעלטן פון אמתדיקער יידישקייט, פון תורהדיקער יידישקייט; אַ יידישקייט, וואו די פרייד פון תורה, פון לערנען, איז ניט געווען אַ געוויסער טאָג אין לוח צו וועלכן מען האָט געדאַרפט צוטראַכטן אַ פּראָגראַם אויף צו פאַראינטערעסירן דעם עולם, אויף צו ברענגען אַן עולם. נייערט די פרייד פון אַ תורה־יום־טוב איז געווען דער עצם תכלית און דער עצם תוכן. און עס האָט זיך געפרייט דער גאַנצער יידישער אָרום און אַרום, מענער, פרויען און קליינע קינדער. יאָ, קליינע קינדער האָבן מצווהדיק געשפּאַנט אויף די תהלוכה וועגן פון אַ יידישן יום־טוב. און די פרייד פון אַ תורה יום־טוב וואָס איז געקומען נאָך אַזויפיל און אַזויפיל תורהדיקע וואָכן; טעג וואָס האָבן זיך געזעגנט מיט גרויס בענקעניש צו דעם אמתן יום־טוב, צו דעם טאָג ווען מען וועט זיך פרייען מיט אַ סיום, מיט אַ פאַרענדיקונג פון לערנען, אַ פאַרענדיקונג וואָס האָט געפירט טאַקע באַלד, תוך כדי דיבור צו אַ נייעם, צו אַ באַנייטן אָנהייב.

געדענקען מיר נאָך אַלע אַ שמחת תורה... נאָכדעם ווי מען האָט געליינט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אַ סדרה אַ וואָך. דריי מאָל אַ וואָך האָט מען געלייענט, מאָנטיק, דאָנערשטיק און שבת, שבת אַפילו צוויי מאָל אינדערפרי און צו מנחה. כדי די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. און אַז עס איז געקומען שמחת־תורה, ווען מען האָט פאַרענדיקט לייענען די גאַנצע תורה מיט „לעיני כל ישראל" — די דאָזיקע ווערטער זיינען אַזוי סימבאָליש פאַר יענער אַמאָליקייט אונדזערער, לעיני כל ישראל — אין די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק... איטלעכער איינציקער איז געווען אַ מחותן אין דער שמחה, אין דער פרייד פון דער תורה, איז צו דער שמחה קיין ברעג ניט געווען. איז קיין וואונדער ניט וואָס גלייך נאָכן פאַרענדיקן האָט מען זיך גענומען צום סאַמע אָנהייב, צום בראשית. ווייל די תורה איז קייטלעכדיק געוויקלט און צו קייטלעכדיקייט איז קיין סוף נישטאָ נייערט אַן אָנהייב, אַ כסדרדיקער אָנהייב. ווי סימבאָליש דאָס איז געווען פאַר אונדזער פאָלקס־לעבן, פאַר אונדזער כסדרדיקייט, פאַר אונדזער אייביקייט..

געדענקען מיר נאָך אַ סיום הש"ס. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָבן יידן געלערנט. יעדער ייד וואָס האָט געקענט לערנען האָט אַ מסכת געלערנט. מען האָט איינגעטיילט צווישן זיך אַ מסכת פאַר יעדן לערנער, און אַזוי האָט מען געלערנט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר. האָבן אייניקע געלערנט גמרא מיט תוספות, נדרים מיט ר"ן און מיט אַנדערע גרויסע מפרשים. און דעם סיום הש"ס האָט מען געמאַכט אין אַ וואָזשנעם טאָג, אין אַ יאָרצייט, אַ הילולא פון אַן אדם גדול

בישראל. האָט מען דעם יאָרצייט פאַרצייכנט מיט דעם, וואָס מען האָט אָנגעוויזן אַז מען גייט אין די וועגן פון דעם גרויסן נפטר; מען לערנט תורה, כדי תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן ביי יידן; כדי יידיש לעבן זאָל אַ קיום האָבן.

איז דער טאָג פון סיום הש"ס געווען דער גרויסער יום־טוב פון לערנען. ווער געדענקט דאָס ניט די פרייד און דעם גרויסן ציטער וואָס האָט אַרומגענומען קינד און קייט, גרויס און קליין. דאָס שטעטל האָט זיך פאַרזאַמלט און פול איז געווען דער בית המדרש, פול ביי די ווייבער און פול ביי די מענער, און מיט שמתהדיקער דערוואַרטונג האָט מען זיך צוגעהערט ווי דער "זקן" פון דער קהילה זאָגט די לעצטע עטלעכע שורות מיטן וואוילקלינגענדיקן גמרא־ניגון, און דער־נאָכדעם האָט זיך דער גאַנצער עולם אויפגעשטעלט און מיט גרויס יראת הכבוד, סיי פאַר די לערנער און סיי פאַר דעם וואָס מען האָט געלערנט, און מען האָט מיט כוונה און ערפורכט נאָכגעזאָגט הדרן עלך, הדרן עלך, אומקערן וועלן מיר זיך אומקערן צו זיי, צו די אבייס און צו די רבאס, אומקערן וועלן מיר זיך, און אַז גאָט וועט געבן נאָך אַ יאָר לעבן, וועלן מיר ווידער מיט פרייד פאַרענדיקן און מאַכן אַ סיום הש"ס... און די טעג און וואָכן פון יאָר וועלן מיר אחריותדיק זיין שותפים צו דעם יידישן אויפהאַלט און קיום ווערק. מיר וועלן לערנען און שטיצן די תורה, וויל: כי היא חיינו ואורך ימינו.

מיט גרויס ליבשאַפט צו תורה און חכמה האָט מען ביים סיום הש"ס געזאָגט: נשלמו ששה סדרים, פאַרענדיקט, הייסט עס, די זעקס סדרים, און באַלד טאַקע הדרן עלך... פונקט ווי אַ שבועה, אומקערן וועלן מיר זיך אומקערן, צו אייך, צו די גרויסע אוצרות פון אונדזער יידישער גייסטיקייט, צו דעם קוואַל און צו דער פעסטונג פון אונדזער לעבן.

דערזעלביקער געדאַנק ליגט אויך אין דעם זאָג פון די חכמים: מצוה גוררת מצוה — איין מצוה פירט צו דער אַנדערער מצוה. דער קרייז, דער עיגול פון גוטע מעשים איז אויך אָן אַ סוף. אויב מען אַנטוויקלט ביי זיך אַ ליבשאַפט צו לייענען, צו לערנען; אויב מען כאַוועט אויס ביי זיך אַ דורשט נאָך תורה, צו וועלן וויסן, צו וועלן לערנען, כדי זיך צו דערוויסן, האָט מען שוין אַ כסדרדיקן באַגער נאָך תורה, וואָס קען ממש ניט געזעטיקט ווערן, און אַזאַ איינער זאָגט ניט, איך האָב געלערנט תורה — גענוג! פאַרקערט, וואָס מער מען לערנט, וויל מען אַלץ מער זיך דערוויסן, מען וויל אַריינדרינגען אין די פאַרבאָרגענישן און אין די פאַרהוילענישן פון דער מענטשלעכער מחשבה, וואָס פירט צו וועלט און מענטש באַנעם. און דאָס איז דער געדאַנק פון מצוה גוררת מצוה — איין מצוה פירט צו דער צווייטער, צו דער דריטער, צו דער פערטער, צו דער אומענדלעכ־קייט, צום אין סוף פון לערנען.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן מצוות מעשיות, וועגן פראַקטישע מצוות, וועגן דער אָנווענדונג אויף אַ פראַקטיצירנדיקן אופן גוטע מעשים, וואָס פירן אויך צו אַנדערע גוטע מעשים. אַ דאַנק מעשים טובים, אַ דאַנק דעם וואָס עס זיינען דאָ ביי אונדז מענטשן וואָס פראַווען מצוות מעשיות, מענטשן אַזעלכע וואָס זיינען אַרייך אין גדר, אין פּאַלאַץ פון אידעאַליסטישער און פראַקטישער אָנווענדונג פון אַל דעם גוטן און פון אַל דעם וואוילן וועגן וועלכן מיר ריידן אין אונדזערע בציבורדיקע צוזאַמענדיקייטן, אַ דאַנק אַזעלכע זעקס־

און־דרייסיק רעכטפאַרטיקע מענטשן, וואָס ביי זיי איז פאַראַן אַ כסדרדיקער פאַרלאַנג אויף עפּעס אויפצוטאָן פאַר יידישקייט וועגן, הערט מען ביי אונדז אַ מאָנונג און אַ דערמאָנונג צו גרויסע אַחריותפולע מעשים, למען, פון וועגן, אונדזער יידישן פאָלקסלעבן. מעשים וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן אַלע פריערדיקייטן פון אונדזער גרויסן עבר און אַ מאָנונג צו מעשים, וואָס מיר זאָלן די פּירות געניסן אין דער היינטיקייט; מעשים, וואָס זאָלן פאַרפעסטיקן אונדזער הווה, אונדזער איצטיקייט, און שטאַרק אַנזעעוודיק און ווערטיק זאָל זיין דער דאָזיקער צושטייער פון אונדזער דור, וואָס זאָל פאַרזיכערן אַ לויטערן און אַ געלייטערטן מאָרגן און איבערמאָרגן אין דעם כסדרדיקן גייסטיקן גאַנג באַרג אַרויפצו פון אונדזער יידישן לעבן.

„הדרן עלך“ און „מצוה גוררת מצוה“ מיינט, אַז אונדזער דור זאָל אַריינ־שרייבן וואַזשנע בלעטער אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע, וואָס די קומענדיקע דורות זאָלן אָננעמען מיט שטאָלץ און מיט ווירדע אַזוי וויט, אַז עס זאָל זיי אויכעט געגעבן ווערן דער רצון, דער ווילן און דער פאַרלאַנג צו לעבן אין בשותּפותדיקייט מיט אונדז, זיי זאָלן ווערן אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון גוטער יידישקייט.

פאַראַן ביי אונדז אַזעלכע יחידים, וואָס זיינען בלב ונפש איבערגעגעבן דער דאָזיקער גייסטיקער פאָלקס־אידייע, מענטשן וואָס לעבן אין די געצעלטן און אין דער סביבה פון זאָרגעוודיקייט פאַר אונדזער פאָלקס־גורל. געציילטע זיינען זיי כמעט קיין למ"ד ו"ו ניט פאַראַן פון זיי, אָבער זיי זיינען פאַראַן אין יעדן דור און אין יעדער צייט. דאָס זיינען זאָרגעוודיקע יידן, וואָס בענקען נאָך אַ גרויסער יידישער גייסטיקייט, נאָך אַ יידישן רענעסאַנס, נאָך אַ פונדאָסניי און נאָך אַ נייער אויפלעבונג פון אונדזער שעפערישקייט. די דאָזיקע מענטשן זיינען געלייטזעליקט געוואָרן מיט אַ געהייליקטער בענקשאַפט נאָך אַ שבת־יום־טוב־דיקן לעבן, אַז שבת זאָל זיין, יום־טוב זאָל זיין. בענקען זיי מיט גרויס ליבשאַפט נאָך יידישער פרייד, נאָך דעם שבת־יום־טוב פון יידישער שעפערישקייט. און זיי ווערן געיאָגט פון דער דאָזיקער בענקעניש, געיאָגט מיט אַן אומרו וואָס לאָזט ניט נאָך. און אין קעגנזאַץ צו די וואָס זאָגן: „געוואַלד יידן, זייט זיך ניט מיאש“, שרייען זיי: „געוואַלד יידן, וואָס שלאָפט איר?“ וואָס לאָזט איר דורך טעג און נעכט און איר טוט גאָרניט פאַר דעם יידישן בוך, פאַר דעם געלייטערטן יידישן וואָרט? געוואַלד יידן, וואָס שלאָפט איר?!“

און אַזעלכע וואוילע יידן, די מיט דעם הייליקן אומרו; זיי דערמאָנען אונדז אַלעמאָל, דערמאָנען אין גרויסע טעג און אין גרויסע יאָרן... פראַוועט מען אַ רמב"ם יאָר, אַ רש"י יאָר, אַ בעל־שם־טוב יאָר, און אַזוי ווייטער און מער נאָך. און אָט האָט מען דערמאָנט אַ שלום־עליכם יאָר, און איצט אַ מאָריס ראָזענפעלד יאָר, און ביכער ווערן צוליב דעם געשאַפן... דער עיקר איז ביי זיי די כוונה צו דערמאָנען און אָנצעווייזן, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען ניט געפראַוועט אין מאָל אין אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן דעם יאָרצייט פון אַ גדול בישראל, נייערט מען האָט געלערנט פון די גדולים אין אַלע טעג און אין אַלע יאָרן.

אַמאָל האָט מען געלערנט און געלייענט. דעם „והגית בו יומם ולילה“ האָט מען מקיים געווען לויט אַלע אויסטייטשן און פּירושים פון די ווערטער... קלאַפּן

די דאַזיקע בעלי אמונה אין די לאַדנס: „יידן שטייט אויף לעבודת הבורא״, צו דינען דעם באַשעפער. שרייען זיי און וועקן, וואָרום זיי ווילן האָבן אַ גייסטיק יידיש לעבן אויך בימינו, אין אונדזערע טעג, אין אונדזער היינטיקייט.

האָבן די דאָזיקע מענטשן דערזען, אַז אין ישראל שאַפט זיך יידישקייט אויף אונדזער יידיש לשון, האָט זיך ביי זיי געשטאַרקט דער גלויבן אַז אַ חדש ימינו כקדם, און אַז פון תל־אביב וועט אַרויסקומען אַ גרויסע יידישע ליטעראַטור אויף יידיש. דאַרף מען זיין פול מיט שמחה פון דער געשעעניש און מען דאַרף שטאַרקן און דערמוטיקן די שעפערישע כוחות און אַלע וואָס גיבן אַרויס און וואָס פאַרשפרייטן יידישע ביכער פון מדינת ישראל, און מען דאַרף העלפן אַז עס זאָל באַנייט ווערן אונדזער גרויסע יידישע אַמאָליקייט. דער עיקר ניט אָפּ־קומען מיט אַ יום־טוב איין מאָל אין הונדערט יאָר, נאָר אויך פּראַווען אַ יאָר אין וועלכן עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס הונדערטסטע בוך אויף אידיש אין אַ יידישן פאַרלאַג אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, אין תל־אביב, וואָס אין אין מדינת ישראל.

די געשיכטע פון די הונדערט ביכער פון י. ל. פּרץ פאַרלאַג איז פון די גאָר גרויסע געשעענישן אין אונדזער ליטעראַטור־וועלט, און אפשר די סאַמע גרעסטע געשעעניש אין אונדזער „בצרון״, אין אונדזער נאַציאָנאַלער פאַר־פעסטיקונג. און וואָלטן מיר געהאַט די אַמאָליקע פרומקייט אין זיך, וואָלטן מיר געדאַרפט בציבור אַזוי וואויל ווי איטלעכער איינציקער פון אונדז ביחידות, אין גרויס לויב מאַכן די ברכה: שהחינו וקימנו — וואָס דער וקימנו זאָל ניט זיין, נאָר אַ דאַנק־לויב פאַרן „עבר״ וואָס ער האָט אונדז דערהאַלטן ביז איצטער, נייערט אַ לויב פאַר דעם וואָס דאָס יידישע בוך וואָס דערשיינט בימינו גיט כוחות און אמונה אויף די ווייטע ווייטערקייטן, אויף דער דויערהאַפטיקייט פון יידישן פאָלקסלעבן פון אייביק ביז אייביק... וקימנו! — ווייל אַ נאַציאָנאַלע עובדה, אַן אחריותפולער אויפטו וואָס האָט אין זיך ניט די קערנער פאַר המשך, האָט ניט די ווערט געפּראַוועט צו ווערן. אַן אויפטו וואָס פאַרזיכערט דעם נאַציאָנאַלן עתיד אונדזערן איז ווי אַ בוים וואָס זיינע וואָרצלען טיפן אין עבר און דער גענוס פון די פּירות, די זאַפט און לעבהאַפטיקייט וועט געווערן פאַר די קומענדיקע דורות... דאָס איז דער אויפטו פון דעם י. ל. פּרץ ביכער פאַרלאַג.

ווען מיר וואָלטן פרום געווען וואָלט אַ שהחינו געווען אַ כדאיקע ברכה. אָבער אויב אונדזערע ליפּן לייגן זיך ניט אַ ברכה צו מאַכן, דאַרפן אונדזערע הערצער זיין אָנגעפילט מיט דער חדווה פון דער גרויסער געשעעניש: הונדערט ביכער אין דעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין ישראל!...

אין יאָר 1957 איז דערשינען דאָס ערשטע בוך אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג אונטערן נאָמען: „בלעטער פון אַ לעבן״ פון י. זרובבל. אין פעברואַר 1959 האָט דער פאַרלאַג געפּייערט דאָס דערשיינען פון 25טן בוך. אין יוני 1960 — דער יום־טוב פון דעם פופציקסטן בוך... און היינטיקס יאָר, אָנהייב 1692 — דער יום־טוב פון דעם הונדערטסטן בוך... דאָס הונדערטסטע בוך, דאָס בוך פון אונדזער איציק מאַנגער.

דאָס ערשטע בוך: „בלעטער פון אַ לעבן״, דאָס איז דאָך די געשיכטע פון אונדזער פאָלקסלעבן אין יענע פופציק יאָר. בלעטער פון יידישן וואָגל און

וואַנדער; דער קאַמף, דער שטורעם און דראַנג, דער דערנערדיקער גאַנג איבער די וועגן און שטעגן פון יידישער בע־ונד'קייט. די געשיכטע פון אונדזער גאָר נאָענטן עבר, געשריבן פון איינעם וואָס איז מיטגעגאַנגען פאָראויס, און מיטן עולם, דורך די שווערסטע טעג און נעכט, דורך דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק פון אונדזער צייט, צו דער גרינדונג פון דער מדינה. דאָס זיינען די בלעטער פון מיין און אייער לעבן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך און דאָס הונדערטסטע!

דאָס בוך „באַלאַדע און דערציילונג" פון אונדזער בע־ונד'ניק, איציק מאַנגער, דער זינגער און באַזינגער פון דעם לעבן און וועגן וועלכן זרובבל שרייבט אין זיין בוך. איציק מאַנגער כאַפּט זיך אַרום וואולייוונגעריש מיט די אָבות, מיט אַברהם, יצחק, יעקב, מיט די אמהות: מיט שרה, רבקה, רחל לאה; מיט מלכהלע דער שיינער, מיט נטע דעם שניידער־געזעל, מיט דער גאַנצער יידישער אָרעמשאַפט, מיט דעם גאַנצן יידישן לייב און לעבן... און דאָס לשון ביי איציק מאַנגער סאַמע אין וואָרעמקייט אויסגעכאַוועטע יידישע רייד, לויטערע און געלייטערטע רייד... און די לידער, סאַמע געזאַנג, סאַמע נגינה, ראַזשינקעס מיט מאַנדלען פון דער מאַמעס מויל אַרויס... זיינען „בלעטער פון אַ לעבן" פון י. זרובבל, און „ליד, באַלאַדע און דערציילונג" פון איציק מאַנגער, די טאָוולען פון אַ גרויסער געשע־עניש, פון הונדערט יידישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לויף פון עטלעכע יאָר, און וואָס איז אין דער מיטן, וואָס זיינען די בלעטער, די איבעריקע ביכער פון דעם פאַרלאַג?

ביכער פון מענדל מאַן, אַ בוך פון ישראל טאַבאַקמאַן, פון ש. בערלינסקי, אַ פּראָזע בוך פון דעם גרויסן ישראלדיקן פּאָעט י. פּאַפּירניקאָוו; ביכער פון קאַצעטניק; אַ בוך פון יצחק פּאַנער, פון יאָסל בירשטיין, ה. לייוויק, יחיאל האָפער, ד"ר חיים שאָשקעס, אברהם ליס, אברהם סוצקעווער, מאַטעס דייטש, מרדכי יפה, אליעזר שטיינבערג, פּינטשע בערמאַן, יעקב זינגער, מרים מעלצער און אַזוי כסדר און כסדר ביז הונדערט פון דעם שענסטן און פון דעם בעסטן אין אונדזער פאָלקס־שאַפונג.

איז דאָס דער גרויסער יום־טוב וואָס מיר פּראַווען היינט און עס דאַרף זיין אַ יום־טוב נאָך וועלכע עס זאָלן קומען מעשים־טובים'דיקע וואָכן־טעג וואָס זאָלן גרייטן צו אַ צווייטן יום־טוב, צום יום־טוב פון צוויי הונדערט יידישע ביכער ביים י. ל. פּרץ פאַרלאַג, און מער נאָך!

זאָל ביי אונדז געשטאַרקט ווערן דער רצון צו גרויסע יידישע מעשים און זאָל איטלעכער איינציקער פון אונדז ווערן אַ מיט־שותף, אַ מיטבויער צו גרויסע יידיש־שעפערישע יום־טובים. זאָלן מיר אַלע זוכה זיין צו אַ גרויסער יידישער שעפערישקייט, צו אַ גרויסער יידישקייט בימינו, אין אונדזערע טעג טאַקע.

---

**ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"**

**פינטשע בערמאַן**

# ווי אַ טייך אַ צעפּלאָסן

און שפּאַרט זיך ניט זון אַמאָל דורך אין מיין צעל,
און ליג איך געצוימט, ווי אַ געבונדענע חיה —
צעברויזט זיך אַ זון אין מיין אייגענער זעל,
בין איך, אין קייטן, נאָך פרייער פון פרייע...

און טרעפט, אַז דאָס וואָרט ווערט מיר פּלוצלונג פאַרשטעלט,
און ס'ווערט מיר מיין מויל, ווי אַ טיר אַ פאַרשלאָסן —
שריי איך דאַן שטום צו דער גאַנצענער וועלט,
און ס'שפּרייט זיך מיין קול, ווי אַ טייך אַ צעפּלאָסן...

און שלאָגט זיך פאַרטאָג-בלוי אָן וואַנט אַ פאַרבויט,
און ס'ווערן מיר שאָטן, ווי שלייערס פאַרצויגן —
בין איך אַזוי ווי אַ קינד אַ פאַרטרויט,
און ס'ווערן מיר, בלינדע, צעהעלט מיינע אויגן...

און ער, וואָס ער האַלט מיינע טירן פאַרמאַכט,
ער, פון די גראַטעס דער אייביקער היטער—
צי הערט ער די שטים, וואָס חוזקט און לאַכט,
ווייל ער איז פון געשמידטע — געשמידטער?

און ער, וואָס ער האַלט אויף מיין מויל זיינע הענט,
און לאָזט ניט דער ווינט זאָל דאָס וואָרט מיינס צעטראָגן —
צי ווייס ער, אַז זיין אייגענער קול איז פאַרלענדט,
ווי דער קול פון דעם נאַכט-ראָב אין העלן פרימאָרגן ?

און ער, וואָס דערלאָזט ניט דאָס ליכט צו מיין שויב,
און האַלט אויף מיין אויג זיינע שווערע וואָלקן —
צי ווייס ער, אַז דאָס ליד פונם פייגל-פון-רויב
גייט אויף אין אַ יאָמער, אין זון און אין שטראַלן ?...

שיקט אַריין אייער אבאָנענטן אָפּצאָל
טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

י. פרידלאַנד

# אַ צווייטער לוי יצחק

(דערציילונג)

בעת ר׳ אליעזר משה דער פּינסקער איז נפטר געוואָרן, איז זיין אָרט געבליבן ליידיק במשך אַ לענגערע צייט. פּינסק איז געבליבן אָן אַ רב, און פאַר אַ דין־תורה האָט מען זיך געמוזט מטריח זיין און צופאָרן קיין קאַרלין. די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים און נכבדים פון דער גרויסער שול האָבן באין אופן ניט געקאָנט צופאַסן זיך קיין נייעם רב. וועלכן רב מען האָט זיי נאַראַיעט און איז געקומען זיך אָנבאָטן אויף כסא הרבנות, איז זיי ניט געווען געפעלן.

— עפּעס אַ פאַרגלייך צום פּינסקער! — האָבן זיי געטענהט. ר׳ אליעזר משה איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים! צו זיין צדקות, צו זיין דרך און עבודת ה׳ איז ניט געווען קיין גלייכן. ביי אים ז״ל אין בית־דין שטוב האָט מען כסדר גערעדט דברי תורה. די דרשות וואָס ער פלעגט האַלטן, אמת ניט צו אָפט, זיינען געווען איבער דער גאַנצער סביבה אַ שם־דבר. עפּעס אַ קלייניקייט, זיינע דרשות!... זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפער יידישער חכמה און יראת אלקים . . .

ווען נאָר אַ נייער רב האָט אין שטאָט זיך באַוויזן, האָט ער זיך געווענדעט צו די דעה־זאָגער אין קהלישע ענינים, האָבן די נכבדים און די לומדים אים „פאַרהערט” און אפילו אויסגעהערט זיינע אַ דרשה על רגל אחת, און האָט די פּראָבע ביי זיי — ניט אויסגעהאַלטן.

— אַ העזה פון אַ יידן — האָבן זיי צווישן זיך געמורמלט — צו וועלן זיין דער ממלא מקומו פון ר׳ משה אל׳יעזר ז״ל!... לסוף האָט מען דעם רב־קאַנדידאַט באַצאָלט פאַר זיין טירחה און הוצאות הדרך און משלח געווען.

איינמאָל איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ רב. ווי דער שטייגער, איז ער אויך אַוועק צו די קהלישע עסקנים אָנבאָטן זיך פאַרן כסא הרבנות. די שיינע באַלע־באַטים האָבן דורכגעקוקט זיינע סמיכות, אויסגעהערט זיינס אַ דרשה, אָבער... אויך ער האָט ניט נושא חן געווען ביי זיי. נו, האָבן זיי אויך אים, ווי דער פריער־דיקן, משלם געווען פאַר זיין טירחה און הוצאות הדרך, בתנאי ער זאָל באַלד פאַרלאָזן די שטאָט.

דער דאָזיקער רב, ר׳ ישראל אַטלאַס, ווי ער האָט געהייסן, האָט הפּנים ניט שטאַרק חשק געהאַט אַוועקצופאָרן פון שטאָט. ווי עס האָט אויסגעזען, האָט ער פאַר זיך געהאַט גאָר אַן אַנדער מחשבה; ער האָט לכתחילה געמאַכט זיך וועגן דעם כלא ידע. וואָס איז די איילעניש? ער וועט אַרומקוקן די שטאָט, באַקענען זיך מיט די תושבים — און אַזוי איז ער געבליבן איבער דער וואָך.

אויף שבת איז ער אַוועק אין דער שניידערשער קלויז, וואו די מתפללים זיינען דאָס רוב באַשטאַנען פון חייטים און אַנדערע בעלי־מלאכות. דאָרטן טאַקע האָט ער דעם זעלביקן שבת געהאַלטן אַ דרשה. ביי די יידן פון דער שניידערשער קלויז האָט דער ר׳ ישראל אַטלאַס גראַד שוין גאָר אויסגענומען. זיי האָבן ממש געלעקט די פינגער פון אים. אַזעלכעס האָבן זיי נאָך ביז דאַן ניט געהערט...

— אַי־אַי, וואָס פאַר אַ כוח הדיבור! — האָט שמואליק פאַרסטריגע זיך פאַרגאַפט — אַ דרש'קעלע האָט ער געהאַלטן! אַ מחיה צו הערן! און די אַנדערע יידן אין קלויז האָבן געטיילט זיין התלהבות און אַלע האָבן זיך געפילט גאָר דערהויבן: אַזאַ כבוד, אַזאַ זכיה! אַ רב זאָל צו זיי אַראָפּקומען האַלטן אַ דרשה! זיי האָבן דאָך תמיד געדאַרפט גיין אין דער גרויסער קלויז הערן דעם מגיד, דעם רב אָדער דעם חזן, און דאָס רוב שטיין דאָרטן כעני בפתח — ווי פרעמדע...

ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס צו זיי, אין זייער אָרעמער קלויז, איז אַראָפּגעקומען אַ רב האַלטן אַ דרשה. און געדרשנט האָט ער פאַר זיי אַזוי וואַרעם, אַזוי ברידערלעך האַרציק, אַזוי פיל פשטות, באַווירצט מיט שיינע פאָלקס־מעשה־לעך און משלים, וואָס האָט זיך אַזוי נאָענט צוגעפּאַסט צו זייער מצב און מעמד...

— מיינע ליבע יידן — האָט ער פאַר זיי מסביר געווען — וויסן זאָלט איר, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים פון אמתער יידישקייט איז: אַ וואַרעם יידיש האַרץ, גוטע ערלעכע כוונות און טאָן מעשים טובים. דאָס איז מער אָנגעלייגט ביים רבונו של עולם ווי איינעמס גרויסן זיך מיט זיין לומדות און רק אַרויסשטעלן זיך מיט זיין יחוס. אַ ייד, רבותי, וואָס העלפט ניט דער אַנדערן, דעם אביון אין אַ נויט, און גיט ניט ווי אַ מתן בסתר, פאַרשוועכט דעם בין אדם לחברו!...

די שניידער זיינען ממש צו אים צוגעזאָטן געוואָרן. זיי האָבן געפילט אַז ער רעדט צו זיי ווי אַן אייגענער, אַ נאָענטער. זיי האָבן זיך דערהויבן און זיינען באַפליגלט געוואָרן פון זיין אַנוועזנהייט און פון זיינע וואַרעמע רייד. אַנדערע האָבן דעם נייעם רב, וואָס איז צו זיי ווי נאָר טאַקע פון דער השגחה אַראָפּגעשיקט געוואָרן, פאַרגליכן אים צו אַ ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער. דער שניידערישער בית המדרש איז יענעם שבת געווען איבערפילט מיט פרייד און התלהבות און זיינען גרייט געווען צו טאָן אַלץ וואָס זיי קאָנען, אַבי דער רב זאָל דאָרטן בלייבן אויף רבנות. אָבער... וואָס קומט אַרויס אַז ער האָט ביי זיי עולה יפה געווען, אַז די שניידערישע קלויז האָט ניט דאָס לעצטע וואָרט אין דעם ענין פון אָנשטעלן אַ רב. ווי עס האָט געפירט זיך פון קדמונים, זיינען עס געווען די גבירים די דעה־זאָגער. האָבן זיך מישב געווען אַ חברה שניידער־יונגען און זיינען אַוועק אין דער גרויסער שוהל פון די נכבדים און אויפגעהויבן אַ ויצעקו און אַ טומל:

— סטייטש, וואו איז עס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, אַז אַ שטאָט זאָל לגמרי בלייבן אָן אַ רב? גענוג געוואַרט! מיר פאָדערן פון אייך איר זאָלט אָנשטעלן ר' ישראל אַטלאַס. ער האָט ביי אונדז געדרשנט און מיר זאָגן אייך, אַז פינסק האָט נאָך אַזאַ דרשה ניט געהערט. בישקשה, מיר האָבן אויך עפּעס צו זאָגן אין דעם ענין! וואָס מיינט איר, וואָס? מיר זיינען פונקט אַזעלכע מיוחסים ווי איר ביים אָנשטעלן אַ רב פאַר אונדזער קהילה!

פון די האַרבע טענות איז געוואָרן אַ שטאַרקע מחלוקה, וואָס האָט געהאַלטן אַט־אַט ביי געשלעגן. די בעלי־בתים האָבן געזען אַז עס ווערט טאַקע גאָר ערנסט, האָבן זיי אויסגעטאָן די טליתים, פאַרלאָזט די קלויז און איבערגעלאָזט די שניידער יונגען אין געטומל.

די שניידער־יונגען, ניט באַקומענדיק קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער פון די שטאָט־באַלעבאַטים, האָבן נאָך מיט מער רוגזה נאָכגעפאָלגט זיי אינדרויסן און ערשט דאָרטן האָט זיך די מחלוקה צעפלאַקערט.

ס'איז געווען גראד אנהייב פרילינג. דאס שניי און אייז אונטער די שטראלן פון דער פרילינג־זון איז שוין געווען צעגאנגען, און עס האבן זיך געשטעלט די באוואוסטע פינסקער בלאטעס. א פאר פון די יונגען, אין גרויס פארדרוס און אייפער, האבן אראפגעכאפט פון א פאר באלעבאטים די שטריימלעך זייערע, אנגע־פילט זיי מיט בלאטע און מיט גוואלד צוריק ארויפגעזעצט זיי אויף זייערע קעפ...

דער סוף איז געווען אז דער שניידערישער קלויז האט דאס מאל אויסגע־פירט: ר' ישראל אטלאס איז אנגענומען געווארן אויף רבנות פון דער קהילה, טראץ די עקשנות און קעגנערשאפט פון דעם גרויסן גביר, ר' אשרל זאסלאווסקי און די אנדערע נכבדים, און עס זיינען איינגעשטילט געווארן די געמיטער. קהל האט דאן אנגערופן ר' ישראל אטלאס — דער „שניידערישער רב"...

ר' ישראל איז במשך פון זיי כסא הרבנות באליבט געווארן ביי אלעמען, סיי ביי די ארעמע און סיי ביי די רייכע, פאר זיין גרויסער איבערגעבנקייט לטובת הכלל; פאר זיינע קלוגע, גוטע עצות און זעלטענע המצאות. בעיקר, ער האט געהאט איינזעעניש מיט די אביונים און קבצנים. יעדן שבת האט ער געדרשנט אין אן אנדער קלויז. פריער האבן די ארעמע שולכעלעך און שטיבלעך ניט געהאט די זכיה אז דער רב זאל אראפקומען צו זיי דרשענען. איצט האבן זיי זיך דערפילט אז מען האט זיי אויך אין זינען, מען רעכנט זיך מיט זיי. כאטש זיי זיינען ניט פון די יחסנים און לומדים. ר' ישראל האט אויך איינגעשטעלט חסידים שטיבלעך און תהלים־זאגער, וואו דער פשוטער ייד, דער בעל העגלה און טרעגער, דער פועל און קרעמער, האט מיטגעזאגט און מיטגעלערנט די תורה הקדושה.

איין מאל ביים דאווענען אין שניידערשן בית המדרש, האבן די מתפללים דורכן פענצטער פון שול מיטאמאל דערזען אן אויסטערלישע און ווילדע געשעע־עניש: אין מיט פונם בלאטיקן שליאך זיינען געשטאנען א פאר האלב־שיכורע סאלדאטן און ווי נאר זיי האבן דערזען א פארבייגייענדיקן יידן מיט טלית אונטערן ארעם, האבן זיי ארויסגעריסן פון אים דעם טלית און אים אריינגעשליידערט אין בלאטע. אין קלויז איז געווארן א גוואלדיקער אומרו און גערודער איבער את־דער נבלה. דער רב האט תיכף געהייסן אפשטעלן דאס דאווענען און האט געבעטן די צוויי ברידער, פישערלייט, פייווקע און בערקע, באוואוסטע גיבורים אין שטאט, זיי זאלן צוזאמענלייגן זייערע טליתים אונטער די ארעמס און ארויסגיין אין גאס.

אז די צוויי סאלדאטן האבן דערזען די צוויי יידן מיט די טליתים אונטער זייערע ארעמס, האבן זיי זיך דערנעענטערט צו זיי און געוואלט ארויסרייסן פון זיי די טליתים און ווארפן אין בלאטע, ווי זיי האבן עס געטאן צו די אנדערע יידן. אבער איידער זיי האבן עס באוויזן צו טאן, האבן די ברידערלעך ערשט דא ארויסגעוויזן זייער גבורה: בערקע האט א נעם געטאן איין סאלדאט און פייווקע דעם צווייטן און א הויב געטאן זיי מיטן גאנצן כוח זייערן און אריינגעשליידערט זיי אין דער טיפער בלאטע.

, אויף אזא מפלה האבן די סאלדאטן זיך ניט גערעכנט. מיט גרויס שווערקייט, אונטער די שווערע בוכצעס און קלעפ פון די ברידערלעך, האבן זיי זיך קוים ארויסגעקאראפקעט פון דער בלאטע, ווי אויסגעניורעטע חזירים, און קוים מיטן לעבן אנטלאפן. פייווקע און בערקע האבן זיך נצחונדיק צוריקגעקערט אין בית

המדרש, וואו מ׳האָט ממשיך געווען דאָס איבערגעריסענע דאַווענען, נאָך מיט מער התלהבות ווי פריער.

אָט אַזעלכע און אַנדערע המצאות זיינען דערציילט געוואָרן פון ר׳ ישראל אַטלאַס. צוליב זיין נאַענטקייט און גוט־ברודערשאַפט מיט אַלעמען איז זיין נאָמען באַליבט געוואָרן. ער האָט געשמט אַלס אַ צדיק תמים און אַ גרויסער בעל־שכל.

איז געקומען אַ יידענע מיט אַ שאלה: אַ גערש איז אַריינגעפאַלן אין איר יויך, האָט דער רב זי באַרואיקט און געפסקנט „כשר", און אַז זי מיט איר משפחה מעגן עס עסן געזונטערהייט. מיט די רייכע האָט ער שוין ניט געהאַט אַזאַ איינ־זעעניש פאַר די קבצנים איז ער געווען ממש אַן אבן־טוב...

אין שטאָט זיינען געווען אַ צאָל גנבים. בראש פון דער חברה איז געווען איינער אַ זעליג גנב. הגם ער אַליין האָט זיך ניט באַטייליקט אין די גנבות, האָט מען אָבער געוואוסט, אַז ווען מען וויל צוריקקריגן אָדער אויסלייזן די גנבה, דאַרף מען זיך ווענדן צו זעליגן. ער האָט שוין געוואוסט וואו און ביי וועמען די זאַכן געפינען זיך. זעליג גנב האָט פונדעסטוועגן געהאַט צוויי מאָסן: ביי אָרימע־לייט האָט ער גענומען וויייניקער אויסלייז־געלט; ביי די רייכע — מער.

אין שטאָט איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע יעקב בער, דער שטריקל־דרייער, מיט אַ היפשער אַפּותיקי, בערך אַ פינף טויזנט דאָלער. געוואָלט האָט ער דאָרטן עפענען אַ פאַבריקל און ווערן צוריק אַ היגער. חברה גנבים האָבן עס תיכף דערשמעקט און אים ריכטיק באַאַרבעט... אויף זיין געוויין און געיאָמער האָט מען אים געשיקט צו זעליג גנב.

— גיי צו זעליג גנב — האָבן אים מקורבים גע׳עצה׳ט — אויב אימיצער ווייסט עפּעס וואו און ביי וועמען די גנבה געפינט זיך, איז עס זיכער זעליג גנב.

דער סוף איז געווען, אַז פון די פינף טויזנט דאָלער, האָט מען דעם „אַמעריקאַנעץ" אומגעקערט אַ טויזנטער. דער ייד בעבעך אַ שטאַרק אַנטוישטער, אַ פאַרצווייפלטער, מיט שאַרפע קללות אויף די ליפּן אויף אַלץ און אַלעמען, האָט „פאַרקערעוועט דעם דישעל" און היידאַ צוריק קיין אַמעריקע.

זעליג גנב האָט געהאַט דריי שיינע טעכטער, איינע שענער פון דער אַנדע־רער. די עלטערע, גיטל, איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ שניידער־יונג, און איידער וואָס־ווען איז ער נעלם געוואָרן. די צווייטע, פערל, האָט געדינט ביי אַ דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר זיך מיט איר „איזניובעט"... און פאַר זעליגן איז עס געווען אַ שמאַלץ־גרוב... דער דאָקטאָר האָט זיך שוין ניט געקאָנט אויסקויפן פון אים... מורא האָבנדיק פאַר אַ שם־רע און אויך פאַר אונטערגעשלאָגענע זייטן. האָט ער זעליגן געצאָלט וועכנטלעך. און פערלען, דער מיידל, האָט ער באַקליידט ווי אַ פרינצעסין... דערפאַר אָבער האָט זעליג די ייִנגסטע טאָכטער זיינע, ליזעטשקע, אָפּגעהיט ווי זיין אויג פון קאָפּ; געשיקט זי אויף קלאַסן, און איז געוואָרן אַן אמתע קורסיסטקע. און שיין איז זי געווען, ניט צו באַשרייבן, אין איר לויטער פּנים ניט אַריינצוקוקן! טאַקע אַן אמתע יפת־תואר.

די בחורים זיינען תמיד אַרומגעהאָנגען אַרום איר, ווי בינען אַרום האָניק...

איינמאָל איז זי מיט אירער אַ חברטע געגאַנגען שפּאַצירן אויפן שליאַך, נאָענט צום וועלדל, הינטער דער שטאָט, וואו דאָס רוב פון דער שטודירנדיקער יוגנט פלעגט מאַכן „ראַנדעוואוס". צווישן די שפּאַצירנדיקע סטודענטן איז אויך

געווען דער בן־יחידל פון דעם גרויסן גביר, ר' אָשר זאַסלאַווסקי. דאָס בחורל סאָלאָמאָנטשיק, איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גאַר וואוילן לערנער, אַן עילוי, אַ בקי אין תורה און אין וועלטלעכע לימודים. פאַרשטייט זיך אַז ר' אָשרל האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט זיין געראָטענעם זונדל און האָט געהאָפט אַז ער וועט נאָך אויסוואַקסן אַ גאון בישראל.

דאַרף טרעפן, ווי ס'טרעפט אָזעלכע זאַכן, אַז אָט־דעם גבירס בן־יחידל, סאָלאָמאָנטשיק, זאָל זיך פאַרליבן אין ליזעטשקען, זעליג גנבס טאָכטער, טאַקע גאָר פון ערשטן אויגנבליק. און ווי מיינט איר פאַרליבט — „ביז איבער די אויערן"! בקיצור, ער איז שוין פון דער מיידל ניט אָפּגעטראָטן, קיין אויג פון איר ניט אַראָפּגענומען. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך באַגעגענען יעדן טאָג און אין די אָוונטן אויף שפּאַצירן... און — מען האָט זיך געשוואָרן אייביקע ליבע... סאָלאָמאָנטשיק האָט ליזעטשקען הייליק פאַרזיכערט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן — צי די עלטערן זיינע וועלן יאָ אָדער ניט געבן זייער הסכמה צום שידוך.

ר' אָשרל זאַסלאַווסקי, דער טאַטע זיינער, ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, האָט בשום אופן ניט מסכים געווען. ער האָט געשריען, געגוואַלדעוועט: ניין און ניין און טויזנט מאָל ניין! — וואָס הייסט, וואו איז אַזוינס געהערט געוואָרן, אַזאַ זאַך? איך, ר' אָשר זאַסלאַווסקי, דער גביר, דער אדיר, דער נכבד העיר, וועל מיין איין־און־איינציקן זון, דעם עילוי, דעם חריף, דעם קאָפּ־מענטש, אויף וועלכן איך האָב געהאָפט אַז ער וועט זיין אַ כבוד און אַ שטאָלץ פאַר מיר און פאַרן כלל ישראל — זאָל אים פאַרקנסן צו אַ מיידל פון אַזאַ אויסוואורף, ווי זעליג גנב, אויף וועמען קהל האָט אַ חרם אַרויפגעלייגט פאַר זיינע „פיינע" מעשים?! איך וועל דאָך זיין צו שאַנד און שפּאָט!... ניין, איך וועל פריער קראַפּירן, אַ מיתה משונה וועל איך זיך אָנטאָן, איידער איך וועל עס דערלאָזן! . . .

סאָלאָמאָנטשיק און ליזעטשקע האָבן זיך אָבער אַלץ שטאַרקער צוגעבונדן איינער צום צווייטן. נאָר דער טויט וואָלט זיי געקענט צעשיידן!...

* * *

צו יענער צייט האָט זיך איבערן גאַנצן תחום המושב אָנגעהייבן פאַר־שפּרייטן פּאָגראָם־שטימונגען. ס'איז געווען תיכף נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם. די יידן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַריאושטע, צעבראָכענע, פון גרויס און אומגליק, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף כלל ישראל. מען האָט געקלאָגט, געזאָגט תהלים. אין שניידערישן בית־המדרש זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גבורי העיר, די פישער־יונגען, די קצבים און סתם שטאַרקע יונגען. בראש פון אָט־דער קליינער אָבער שטאַרקע גרופּע איז געשטאַנען זעליג גנב.

— רבותי! — האָט זעליג געדונערט מיט זיין לייבן־קול — גענוג געקלאָגט און געיאָמערט. מיט קינות זאָגן וועלן מיר די רוצחים ניט פאַרטרייבן!... לאָמיר אַלע ווי איינער זיין גרייט אויף מסירת נפש! מיר טאָרן זיך ניט לאָזן אומברענגען, ווי די יידן אין קעשענעוו! מיר וועלן אַרויסגיין אַנטקעגן די מערדער און זיי פאַרטרייבן פון די טויערן פון שטאָט! נעמט מיט זיך מיט העק, לאָפּעטעס, מע־סערס, אייזערנע שטאַבעס, און מיר וועלן אַרויסגיין זיי באַגעגענען, ניט ווי פחדנים, נאָר מיר וועלן זיי פאַרטיליקן נאָך איידער זיי באַוויזן זיך דאָ... שרעקט זיך ניט, יידן! — און אַליין האָט ער זיך געשטעלט אין די ערשטע ריי פון דער מחנה.

און ס'איז טאַקע געווען צו פאַרדאַנקען, פריער גאָט און דערנאָך זעליגן, וואָס פינסק איז ניצול געוואָרן פון אַ פּאָגראָם.

דאַן האָט זיך דער רב פון שטאָט, ר' ישראל אַטלאַס, אַריינגעלייגט זיך אין דעם ענין שידוך, און פאַרלאַנגט פון ר' אָשר זאַסלאַווסקין, אַז ער זאָל ניט שטערן זיין זון זיך משדך צו זיין מיט זעליגס טאָכטער.

— איר זעט דאָך, ר' אָשר, אַז די קינדער האָבן זיך ליב. מסתמא איז דאָס אַ זיווג מן השמים. איר דאַרפט בכן נאָכגעבן, ר' אָשר. דעם חרם האָט קהל פון זעליגן אויך אַראָפּגענומען. איצט אַז ער וועט זיך מיט אייך משדך זיין, וועט ער אויך ווערן אַ לייטישער מענטש. אַז דער רבונו של עולם האָט זעליגן שוין פאַר־געבן פאַר זיינע פריערדיקע מעשים תעתועים, מעגט איר, ר' אָשר, אויך — האָט ר' ישראל איינגעטענהט מיטן גביר פון שטאָט.

ר' אָשר זאַסלאַווסקי האָט ענדלעך געגעבן זיין הסכמה און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן.

— איר האָט פאַרדינט אַ גרויסע מצוה, ר' אָשר — האָט דער רב דערנאָך מסביר געווען — איר האָט דערהויבן אַ מסירת־נפשניק צו זיין פאַרדינטן כבוד און שכר. גאָט זאָל אייך פאַר דעם בענטשן...

* * *

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ר' ישראל אַטלאַס, דער שניידערישער רב, ווי מ'האָט אים גערופן, נפטר געוואָרן. צו זיין לוויה איז אַרויס גאַנץ שטאָט אים באַגלייטן, טאַקע באַר ווי אַ צדיק תמים. ביים הספד האָט מען צווישן אַנדערן דערמאָנט, אַז ר' ישראל אַטלאַס איז געווען אַ צווייטער ר' לוי יצחק בערדיטשעוו־ווער. אויף דעם האָט דער גביר אַדיר, ר' אָשר זאַסלאַווסקי, מיט אַ דערשטיקטן געוויין צוגעגעבן: „אויב ניט נאָך גרעסער!"


„אין טעג פון גערעַנגל" שוין דערשינען

דאָס בייע בוך נאָוועלן און דערציילונגען פון י. פרידלאַנד איז שוין אַרויס פון דרוק. ס'איז דאָס פערטע בוך פונעם מחבר. דאָס בוך האָט צווי אָפּ־טיילונגען אין 252 זייטן, פיין געבונדן. אַרויסגעגעבן, ווי תמיד, פון דעם י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס.

צו באַקומען ביים ציק"א פאַרלאַג און ביים מחבר:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

זעליג דאָרפמאַן

## פ י י ע ר ־ ב י ל ד

שמאָלע יונגען לויפן מיט די העק
אַראָפּ ארויף, ארויף אראָפּ.
אויף לייטערס הויכע אַ גומענער געלויף.
די פלינקע פלאַמען לויפן שנעלער
און דער הימל בריט פון עק צו עק.
אַלע פּאַלעס פון די וואָלקנס ברענען;
ווער קען זיך ראַטעווען פון אַזאַ גיהינום?
זיבן טאַטעס און דריי מאַמעס ברעכן מיט די הענט,
דאָס רעשט טראָגן מלאָכים אויף די הענט.

## ח ל ו ם נ י ש ט אַ צ י נ ד

די נאַכט — אַ שטילער זאַק
מיט אַ זילבערנער האַק;
חלום נישט אַצינד.
וועסט אויסגיין ווי אַ ליכט — בלינד.
ווער וועט וויינען אויף דיין ביטער מזל?
אויף דיין פאַרשאָלטן בלוט?

וועסט קיינמאָל ניט אָנרירן די נאָענטקייט;
ליריש-צאַרט און סאַמעט-גוט.
וועסט וויגן דיין בראָך אין אַ קינדערשער וויג
און גרויזאַמע וואַסערן וועלן אָוועקפירן דיין בליק
ווייט, ווייט.

עס וועט דיך אַ נעם-טאָן אַ טרויעריקער ווינט
און פאַרטראָגן אויף אַלע וויסטע קלאָגן;
חלום נישט אַצינד.

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון“
אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר

ז. בוניף

# ירושלים

(פון דער סעריע ישראל־לידער)

ס'איז אמת, ס'איז וואָר,
ווי דער כנרת איז קלאָר.
— זאָג איך צו זיך אַליין,
שוין צום וויפילטן מאָל:
ביזט אין ירושלים,
אין לאַנד פון ישראל!
האָט דאָך מיין טאַטע,
און טאַטעס אין די מיליאָנען,
ניט אויפגעהערט דיין נאָמען
מיט בענקשאַפט דערמאָנען.
אַ קוים גלויבלעכער טרוים,
וואָס איז צעגאַנגען, ווי עס צעגייט
ביים ים־ברעג דאָס כוואַליקע שוים.
און יעדעס יאָר איז געווען
אַ „לשנה הבאה"
און איך — איך בין דאָ!
און גיין דאַרף מען גיין דאָ,
ניט ווי מען שפּרייזט,
אין ניו־יאָרק, שיקאַגע,
אין פּאַריז, צי אין פּראַגע,
מיט שיך און שטיוואַלעס
טאַפּטשען און טרעטן,
נאָר מיט שיכלאָזע פיס,
דעם באָדן באַגלעטן!
אונטער יעדן זעמדל,
יעדן שטיינדל,
ליגן פאַרהוילן
לעגענדן און מעשים,
ניט איבערצוציילן!
שפּיץ אָן דיין אויער,
פאַרשאַרף דיין בליק,
און וועסט הערן קלאַנגען
און זען געשטאַלטן
פון אונדזער עבר דעם אַלטן,
וואָס זענען פאַרגאַנגען
זינט צענדליקע דורות צוריק.



„וואוהין?"
האָלץ־שניט פון בצלאל מלחי

י. אייזנברג *

# חשבון הנפש של „חשבון" בלוס אנג'לס

העיר לוס־אַנג'לס שבמערב הרחוק של ארצות־הברית ואתה גם הישוב היהודי בעיר זו שרויים במצב של התפתחות מתמדת. מספר היהודים בעיר זו כבר הגיע כמעט ל־450 אלף נפש. זה הוא על כן הישוב היהודי השני בארצות־הברית אחרי ניו־יורק. בעיר שיקאגו, שהיתה אַף היא שנים רבות מרכז יהודי חשוב בחומר וברוח, מספר היהודים הוא עתה כ־350 אלף בסך־הכל.



י. פרידלאנד

יהודי לוס אַנג'לס מקימים בתי כנסת ובתי ספר משלהם ודואגים לקידום חייהם החברתיים לשם מניעת תופעות של טמיעה והתבוללות שפשו בין הנוער. מרנינה גם העובדה, שנוסדו שם גם מועדון תרבות יהודי וחוג של סופרים, והללו אַף מוציאים לאור תלת־ירחון נאה ביידיש לעניני ספרות, בקורת ובעיות תרבותיות, בשם „חשבון", שמעל עמודיו מתפרסמים סיפורים, שירים, מסות ומאמרים, פרי עטם של סופרים ועתונאים מארצות הברית ומחוצה להן. כתב־עת זה בו השתתפו עד כה בפרי עטם ששים ואחד איש, ציין עתה את דבר הופעת החוברת העשרים וחמש שלו.

מר פרידלנד פרסם במרוצת השנים מפרי עטו מעל עמודי כתבי־עת רבים ואף ארבעה ספרים משלו, והם: „אדמה טריה", „מן האוקינוס השקט עד הכנרת", „נדודים ונסיונות", ועכשיו הופיע „בימי המאבק."

העורך הראשי והרוח החיה בהוצאתו לאור של ה„חשבון" הוא הסופר, מר. יצחק פרידלנד, אָם בשנות השבעים לחייו, שנולד בעיר ז'יטומיר, ברוסיה, ונמצא בארצות־הברית החל משנת 1906.

הוא פעיל גם בחיי התרבות היהודים בעיר מגוריו ואשתקד נוסדה קרן ספרות על שמו („קרן הספרות י. פרידלנד") המחלקת מדי שנה שני פרסים בשיעור של $400 — $200 כל אחד, בעד הסיפור והמסה הטובים ביותר, שראו אור במשך השנה שחלפה ביידית ובעברית. בפרסים הראשונים במסגרת זו זכו אליעזר שטינמן מישראל, על מסתו „הנס של הבעל שם טוב", ויעקב זיפר מקנדה, על סיפורו „התמונה האמיתית." עתה החלה הפעולה לקראת החלוקה השניה של הפרסים הספרותיים.

אך הרי אין לשכוח, כי המדובר הוא בלוס אַנג'לס הרחוקה, שבה קיימים זה שנים רבות ארבעה כתבי עת של יהודים בשפה האנגלית ואילו עברית או אידיש היו שם כמעט בבחינת הס מלהזכיר.

לפי כל תכנו — ה„חשבון" הנו כתב־עת לאומי והוא מגלה יחס ער לישראל

---

*) י. אייזנבערג איז דער רעדאַקטאָר פון דער העברעאישער צייטונג „הבוקר" אין תל־אביב.

יצחקי

# בײַ אונדז און בײַ לײַטן

(מכוח טענות צו די פּען־מענטשן בײַ דער פּרעסע)

מיר ברענגען דאָ אַן אָפּדרוק פון אַן אַרטיקל פון י. אײַזענבערג, רעדאַקטאָר פון „הבוקר" אין תל־אביב, מכוח אונדזער זשורנאַל „חשבון". די אויבן־געבראַכטע אָפּהאַנדלונג (אין העברעאיש): „חשבון הנפש של ה,חשבון' בלוס אנג'לס."

אין דעם נומער 27 „חשבון" האָבן מיר געבראַכט אַ רעצענזיע אין ענגליש איבער אַ יידיש בוך נאָוועלן („וואַנדערונגען און נסיונות") — אויך אַן אָפּדרוק פון דעם „דזשואיש בוקלענד" (אַ יידיש־ענגלישע וואָכנשריפט) רעצענזיע געשריבן פון פּראָפ. לואיס פּורמאַן סעס (פון דעם ליטעראַטור דעפּאַרטמענט אין ניו־יאָרק סיטי קאָלעדזש).

מיר האָבן געבראַכט ביידע אָפּהאַנדלונגען — איינע פון ניו־יאָרק, אין ענגליש, די צווייטע פון תל אביב, אין העברעאיש; ביידע פון באַזונדערע קאָנטינענטן. הגם ניט אין יידישן לשון אָבער פון אונדזערע גאָר נאָענטע מקורות. מיר האָבן עס געטאָן מיט אַ פאַרשטענדלעכע כוונה, כדי אַנצומערקן וועגן דעם חילוק אין באַציאונג פון די פּען־מענטשן בײַ דער יידישער פּרעסע און בײַ לײַטן!

קאָלעגע ה. לאַנג האָט אין דעם נומער 27 „חשבון" קאָמענטירט וועגן דעם, נעמלעך: אַז די „דזשואיש בוקלענד", אין זין פון פאַרצייכענען און רעצענזירן נײַע יידישע ביכער פון אונדזער 3־שפּראַכיקער ליטעראַטור (יידיש, העברעאיש און ענגליש) איז אַ מין ליטעראַטור פּנקס. מחמת, כמעט יעדע אויסגאַבע ווערט דאָרטן מיט אחריות פאַרצייכנט און אָפּגעשאַצט.

פרעגט ה. לאַנג:

„פאַרוואָס איז ניטאָ אַזאַ ליט. פּנקס אויך בײַ אונדז אויף יידיש? אַוודאי פעלן בײַ אונדז ניט רעצענזיעס איבער ביכער; עס פעלן אויך ניט שטרענגע מוסר־זאָגער; אַנדערע אַפילו מיט אַ סנאָבישן יצר־הרע. ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט בײַ אונדז אַ מין כהנים ליטעראַטור. מ'גיט זיך ס'רוב אָפּ מיט אויסטיילן עליות צו אַן אָפּגעקליבענעם טייל טאַלאַנטן. גיכער וואָלטן זיי געדאַרפט זאָרגן, אַז ערשט אויף יידיש זאָל זיך שאַפן אַזאַ פּנקס — אַ צענויפנעם פון אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אויף יידיש."

---

ולבעיותיה. אלמלא כתב־עת זה היו בוודאי אותם הסופרים שהגיעו עד לוס אנג'לס נשארים אלמים, ללא יכולת להגיד את אשר עם לבם, לפחות, אחת לשלשה חדשים. אחדים מהם אף פרסמו בשנים האחרונות ספרים משלהם.

כתב־העת „חשבון", המופיע בלוס אנג'ס, בתחומי קליפורניה, הנו מכשיר רציני למדי במאבק להבטחת הקיום הלאומי היהודי ובעצם הופעתו אין מה לזלזל. „חשבון" הנה במה של חשבון הנפש היהודית, שנועדה לעודד כוחות יוצרים, ואכן בתוככי הסביבה בה הוא רואה אור, הוא הנו באמת כעין „אואזיס" במדבר.

נאָך דאָס פעלט ביי אונדז?... קאַלעגע לאַנג! עס פעלט אפילו ביי אונדז די עלעמענטאַרע באַציאונג פון אַ ניט־קליינער צאָל פען־מענטשן ביי דער אידי־שער פּרעסע, צו די יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

ה. לאַנג איז גערעכט מיט זיין מאמר: די פען־מענטשן ביי דער יידישער פרעסע האָבן שטאַרק געזינדיקט בנוגע דעם ענין. עס גייט אַן אַ קאַלאָסאַלע, כמעט אַן אָפּגעמאַכטע פאַרשוויגעניש! עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז ס'איז פאַרמירט געוואָרן אַ מין ליט.־קלאַן פון געזאַלבטע ר״ל.

במשך דעם לעצטן צענדליק יאָר זיינען דערשינען אין יידשן אַמעריקע עטלעכע קלענערע ליט. זשורנאַלן. האָבן די פען־מענטשן ביי דער יידישער פרעסע גאָר מורא זיך צו זיי צורירן אפילו! גלייך ווי ס'וואָלט געווען מוקצה, פסולדיק, פשוט געאַסרט! ווער־ווער, די פען־מענטשן מיט אַן אחריותפולע באַציאונג, וועלכע אַלאַרמירן תמיד וועגן די חשיבות פון יידיש און וועגן דעם המשך פון יידישער קולטור; זיי וואָלטן דאָך יאָ געדאַרפט זיין פון די ערשטע צו דערמוטיקן אַזעלכע פערטל־יאָר שריפטן, וואָס טראָגן אויף זיך אַ יידיש קולטור־געזעלשאַפטלעכן חותם! זיי, מער ווי אַנדערע, ווייסן זייער גוט וויפיל עקשנות און אידעאַליזם עס דאַרף אויסגעטראָגן ווערן, כדי אַנצוהאַלטן אַזעלכע פערטל־יאָר שריפטן ביי דעם איצטיקן מצב פון אַלץ מער פאַרכאַפּנדיקע און אויסגעשפּרייטעטע שפּראַך אַסימילאַציע! מיילא פון אַזעלכע וואָס זיינען אַלץ און אַלעמען מבטל און דענקען, אַז קיין איין וויכטיקע ליט. אויסגאַבע איז לעצטנס ניט דערשינען אין יידיש (חוץ זייער אייגענע, פאַרשטייט זיך) איז דאָך ניט שייך צו ריידן, אָבער צו די מער אַחריותפולע מעג מען מען יאָ האָבן טענות.

בכלל האָט זיך איצט געשאַפן אַ זייער פיינפולע סיטואַציע: די גאַנצע פּראָווינץ אין יידישער אַמעריקע איז געבליבן לחלוטין אָן אַן אייגן יידיש־געדרוקטן וואָרט. אַזעלכע גרויסע יידישע ישובים ווי: שיקאַגע, דעטראָיט, פילאַדעלפיע, קליוולאַנד, און די ווייט־ווייטע לאָס אַנדזשעלעס, וועלכע האָבן ערשט מיט אַ צענדליק יאָר צוריק געהאַט אייגענע וואָכנשריפטן און אפילו טאָג־צייטונגען, זיינען איצט לגמרי געבליבן יידיש־שטום — קיין זכר איז פון זיי ניט געבליבן. זייער אָרט האָבן פאַרנומען יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן. און ביי די ניויאָרקער יידישע טאָג־צייטונגען דאַרף מען ממש אויסבעטלען אַ נאָטיצל פאַר אַ דערשיינונג פון אַ ניי יידיש בוך אָדער פון אַ נייעם נומער פון אַ פערטל־יאָר שריפט, שוין אָפּגערעדט פון אַן אָפּשאַצונג.

די פּראָווינץ איז נאָך אַלץ די גוטע „מעלקנדיקע קו" פאַר אַלע ניו־יאָרקער געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

וואָס שייך די קלענערע ליט. זשורנאַלן אין ניו־יאָרק איז זייער מערכה אויך ניט קיין בעסערע. אָט דערשיינט אין ניו־יאָרק שוין דאָס ניינטע יאָר, די ליט. פערטל־יאָר שריפט „זיין"; דער נייער זשורנאַל „אונדזער דור"; איז חוץ אַ קורצן נאָטיץ וועגן זייער דערשיינונג זעט מען ניט. מע קומט אָפּ מיט פאַרשווייגן...

אַגב, מכוח דעמזעלביקן ענין האָט דער דיכטער יאָסל קאָהן, רעדאַקטאָר פון „אונדזער דור", געשריבן אַ בריוו צו בן־ציון גאָלדבערג, פון וועלכן ער ציטירט אים אין זיין קאָלום:

„אַלע שניידן זיך די פּאַלעס, אָבער קיינער האָט נישט אויסגעשטרעקט קיין האַנט צו געבן אַן אונטערשפּאַר דאָס עופהלע, וואָס פּרובירט זיך לערנען נאָך ניט גיין, נאָר זיך קענען אויפשטעלן . . . וואָס האָב איך אַזוי געזינדיקט? איך גיב אַרויס, חס וחלילה, עפּעס אַן אומווירדיק שריפט? מען וויינט דאָך וואָס עס ווערן פאַרמינערט צייטשריפטן אויפן יידישן לשון. קום איך מיט בטחון, מיט גרייטקייט, טו אַריין אַרבעט, געלט, מי, עגמת־נפש, צער, כדי עס זאָל ניט זיין קיין פאַרמינערונג, נאָר אַ צוגאָב.

„זעט איר דאָך ווי מען האָט אויפגענומען אָט־דעם פּרואוו מיינעם. בין איך טאַקע אַזוי זינדיק, אַז וואו מיין נאָמען איז, ווערט עס ט אָ ב ו ! ?... גלויבט מיר, אַז מיין אַמביציע איז ניט צו זיין קיין רעדאַקטאָר. איך בין אפשר משוגע, אָבער איך האָב דאָס געמיינט לשמה. און איך בין זיך משער, אַז ווען אימיצער אַנדערש וואָלט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל, וואָלט מען געשריבן וועגן דעם...‟

אַ טעות, קאָלעגע יאָסל קאָהן! די פּען־מענטשן ביי דער פּרעסע האָבן פאַרשוויגן די קליינע זשורנאַלן וואָס זיינען שוין איצט אויפן עולם האמת און פאַרשווייגן אויך די נאָך, לעת־עתה, עקזיסטירנדיקע.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס גייט ניט אין דעם פּירסום מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס אַזעלכע פערטל־יאָר שריפטן וואָלטן עס באַקומען. עס גייט מער אין דעם, וואָס די פּען־מענטשן ביי דער פּרעסע וואָלטן מיט זייער וואָרט ניט וויניק משפיע געווען אויף זייערע לייענער־חסידים, און די באַציאונג צו די עקזיסטירנדיקע קלענערע זשורנאַלן וואָלט געווען אַ מער גינסטיקערע, אַ נאָענטערע.

די פּראָווינצער (יידן און ניט־יידן) זיינען בטבע גוטע צוהערער וואָס ניו־יאָרק האָט צו זאָגן איבער דעם רוב ענינים. און „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך‟ אין דעם פאַל פון ליטעראַרישע ענינים, האָט דער בעסערער יידישער לייענער אַ באַזונדערע תשוקה זיך צוצוהערן וואָס דער אָדער יענער שרייבער פון די גדולים הליטעראַטור האָט צו זאָגן.

אַנומלטן האָט גלאַנץ־לעיעלעס, אין זיין „וועלט און וואָרט‟ („ט.־מ.־זש.‟) אַרויסגעזאָגט אַ גינסטיקע מיינונג וועגן „חשבון‟. ווען דער שרייבער פון די שורות האָט באַגעגנט לעיעלעסן אַ פאַרהערער־לייענער, האָט דער לעצטער אַ פרעג געטאָן דעם שרייבער:

— האָט איר געלייענט גלאַנץ־לעיעלעס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן אייער שריפט?

— געלייענט — איז געקומען די תשובה.

— לויט לעיעלעסן זעט עס אויס, אַז ס׳איז יאָ אַ ווערטיקע אויסגאַבע!

— האָט איר ווען געלייענט דעם „חשבון‟? — האָט דער שרייבער געפרעגט.

— דעם אמת געזאָגט, לעת־עתה, ניט!

— נו איצט, אַז לעיעלעס פון נ.י. האָט שוין געגעבן זיין הסכמה, מעגט איר עס שוין לייענען מיט אַ ריינעם געוויסן!...

אָט אַזעלכע יידן, שוין פון די בעסערע לייענער, זיינען פאַראַן אומעטום אין די צענדליקער. זיי וואַרטן וואָס דער אָדער יענער גדול פון ניו־יאָרק וועט זאָגן וועגן דער אָדער יענער שריפט. רופט מען זיך אָפּ, איז אַ סימן מובהק, אַז די שריפט איז, מער־ווינציק, ווערטיק. פאַרשוויגט מען אָבער, טייטשט מען עס

יהושע ריווין

## דו קאָנסט אָן גאָט ניט זיין

קאָנסט לויבן גאָט, קאָנסט שעלטן גאָט...
ס'איז אַלץ אָן דיר געווענדט;
ביסט קיינמאָל, קיינמאָל ניט ביי זיך
אַליין אין דיינע הענט.

גאָט פירט דיך אום פון גוטס צו שלעכטס...
ער ברענגט דיר פרייד און פיין;
קאָנסט לויבן גאָט, קאָנסט שעלטן גאָט...
דו קאָנסט אָן גאָט ניט זיין.

## ריים אַרויס

ריים אַרויס דעם ווילדן אָנוואוקס פון דיין ברוסט,
וואַרף אים צו דעם ווינט;
אויב דו קאָנסט נאָר, היט זיך אויס
פון שווערע זינד.

אויב דו קאָנסט נאָר... אָבער ווער איז דער, וואָס קאָן
זיך אויסהיטן פון זינד?
סיידן נאָר אַ זויגלינג ביי זיין מאַמעס ברוסט —
אָן ערשט־געבוירן קינד.

---

אויס, אַז מ'איז עס מבטל — צו וואָס דאַרף ער עס גאָר איינ־גאַנצן? בפרט עס קאָסט נאָך אַ „דרייערל" אַ יאָר אויך!... מאַכט מען דעם אָנשטעל פון אַ „פיינשמעקער", אַ פאַרשטייער און אַ מבין האַליטעראַטור און — פטור אַן עסק!

אָט־די ביטולדיקע באַציאונג, אָט־דאָס פאַרשווייגן איז אַן אומגעזונטער איינשטעל ביי די פען־מענטשן פון דער פרעסע, און עס האָט בלי שום ספק אַן אַטראָפירנדיקע השפעה אויף דער באַפעסטיקונג און פאַרשפרייטונג פון יידישן געדרוקטן וואָרט.

יצחק ניומאַן

# עמוס, דער ערשטער פון די שריפט־נביאים

דער נביא עמוס, דער שטורמער און קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר און פאַר געזעצלעכע גלייכהייט פון מענטשלעכע רעכט, האָט געלעבט און געווירקט אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט די אוניווערסאַלע נביאים, הושע און יונה. געקומען איז ער פון תקוע אין די יהודה־בערג און ניט פון אַ יחוסדיקער משפחה, נאָר פון פשוטע דאָרפס־מענטשן, פאַסטוכער פון שאָף און רינדער, און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט גערטנערייַ. אָבער דאָס האָט עמוסן ניט אָפּגעהאַלטן צו זאָגן אָן מורא, מוסר די בני ישראל און זייער קעניג מיט אַזעלכע רייד: „איך וועל שטיין איבער ירבעמ׳ס הויז מיט אַ שווערד”, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט אַז אַזעלכע רייד קענען אים פאַרטרייבן פון לאַנד אָדער אומברענגען...

און ווען אמציה דער כהן צעהט דעם נביא צו גיין צוריק צו זיין לאַנד פון וואַנען ער איז געקומען און דאָרטן עסן ברויט אין פרידן, ענטפערט אים עמוס: „איך בין ניט קיין נביא, אויך מיין טאַטע איז ניט קיין נביא, און בנוגע מיין עסן מיין ברויט במנוחה זאָרג איך זיך ניט — כ׳האָב ברוך השם פרנסה פון מיינע שאָף און רינדער און פון גערטנערייַ. אָבער עמוס ווערט יאָ געשטערט אין זיינע רעדעס קעגן קעניג און קעגן די רייכע עלעמענטן און קעגן די כהנים. דערפאַר איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרשרייבן זיינע געדאַנקען און שפּעטער עס צעטיילן צווישן פאָלק אין די געמאַרק־טעג, ווייל דאָרט האָט ער צוגעזען דעם גרויסן שווינדל און אָפּנאַרערייַ, וואו דער שוואַכער ווערט באַרויבט און באַ־גזלט, ווי דער קרעמער פעלשט צוזאַמען מיט די פאַלשע כהנים, וואָס דינען די אינטערעסן פון די רייכע גוט־באַזיצער און מאַכן זיך לוסטיק און פריילעך אויפן חשבון פון אָרימען פאָלקס־מענטש...

אַז מ׳דערמאָנט זיך דאָס אַלעס איז נשתומם צו ווערן איבער דעם גורל פון דעם דאָזיקן נביא און מ׳פרעגט: רעדט דען ניט גאָטס גייסט פון זיינע רייד? איז דען זיין פּלוצלינגער אויפשטייג ניט אַ דערהויבונג פון אַ מענטש צו שטיגן צו אַזאַ הויכע מדרגה, כמעט נאָענט צו גאָט?

* * *

עמוס דערשיינט אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט אַנאַרכיע אין לאַנד. עס זיינען די לעצטע יאָרן פון ירבעם דעם צווייטנס ממשלה איבער מלכות ישראל, וואָס האָט אויך טיילווייז אַרונטערגענומען מלכות יהודה אונטער זיין יאָך.

מיר ווייסן פון נביא עמוס ניט פון לעגענדעס, אַזוי ווי די פריערדיקע נביאים, אליהו און אלישע, נאָר פון זיינע שריפטן, וואָס פריידיקן אַן אידעאַל פון אַ הויכער מאָראַל, און דער נביא דערוואַרט ניט אַז מענטשן זאָלן זיין מלאכים! ווי זאָגן די חכמים (ברכות כ״ה): „לא נתנה תורה למלאכי שרת”. וואָס דער נביא וויל איז, אַז דער יצר־הרע זאָל ניט קריגן די אויבערהאַנט, און דער מענטש זאָל זיך קענען בעסער צוימען מיט זיינע עמאָציעס, ווייל אינגאַנצן בטל מאַכן דעם יצר־הרע איז אוממעגלעך, ווי עס ווייזט אָן די גמרא (סנהדרין ס״ד): „פעם תפסו

וכלאו את היצר הרע ולא נמצאו ביצה בת יומא לחולה" (מען האט אמאל גע־פּרואווט פאַרהאַלטן דעם יצר־הרע, איז ניט געבליבן קיין פריש איי פאַר אַ חולה).

* * *

די באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק פון עמוס, דער ערשטער שריפט־נביא, איז זיין גלויבן אַז גאָט איז אַן אוניווערסאַלער און ניט בלויז פון ישראל, נאָר ער איז אויך דער גאָט פון אַלע פעלקער. יידן זיינען אָנגעקומען אין לאַנד כנען, איז ביז אַחאָב׳ס צייטן האָבן זיי געפירט קריג מיט קליינע פעלקער אַרום זיי און זיי באַזיגט. טאָמער האָבן זיי אַמאָל ניט געזיגט, האָבן זיי אָנגעגעבן די סיבה איבער דער כעס פון גאָט, און זיי האָבן געגלויבט — ווען זיי וועלן אים איבערבעטן וועלן זיי ווידער זיגן. או די ערשטע נביאים, ווי שמואל, אליהו און אלישע, האָבן אָפּגעהיטן די דאָזיקע איינשטעלונג. אָבער אין אַחאָב׳ס צייטן האָבן יידן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט אַ שטאַרק פאָלק, ווי אַרם, וואָס דער מלך עמרי האָט געקעמפּט מיט אים זיין גאַנץ לעבן, און עס איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. האָבן יידן אָנגעהויבן זיך וואַקלען און ספקן אין זייער אמונה אין גאָט. אָבער צום סוף האָט אַחאָב באַזיגט אַרם און דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז יידן האָבן ניט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט.

אָבער אַט קומט שפּעטער אַשור, וואָס איז ווי אַ שטאַרקער ריז און שווער צו באַזיגן. האָבן יידן טאַקע אים ניט באַזיגט. הייסט עס, אַז דער יידישער גאָט קען נישט ביישטיין דעם פרעמדן גאָט, אפילו אין זיין אייגן לאַנד? איז דער פרעמדער גאָט שטאַרקער פון אונדזער גאָט? דאַמאָלס איז אויפגעקומען די פראַגע: יהוה אָדער בעל? זיינען די נביאים אַרויסגעטראָטן מיט דעם לאָזונג: נישט מער קיין צווי געטער! עס איז דאָ נאָר איין גאָט, יהוה איז זיי נאָמען. אַלע אַנדערע געטער זיינען פאַלשע געצקעס, און די פעלקער וואָס קריגן מיט די יידן זיינען בלויז אינסטרומענטן אין גאָטס הענט, וואָס דורך זיי שטראָפט ער די זינדיקע: אַשור איז די רוט אין גאָטס האַנט צו שטראָפן זיין זינדיק פאָלק. און ישראל ווערט געשטראָפט ניט ווייל זיי זיינען מער זינדיק פון אַנדערע, נאָר ווייל זיי זיינען ניט בעסער פון אַנדערע פעלקער, און די גוטע יידן אַלעמאָל מער. די נביאים האָבן עס ממש געזען פון זייער אייגן לעבן. פאַרוואָס ווערן די נביאים גערודפט? זיינען זיי דען זינדיקע? ניין! זיי ליידן, ווייל זיי זיינען בעסער. אַזוי אויך מיטן יידישן פאָלק. טאַקע ווייל זיי זיינען אויסדערוויילט צו זיין די פאָן־טרעגער פון יושר און צדק, דערפאַר ווערן זיי געשטראָפט מער פון אַנדערע פעלקער. אַט די אַלע געדאַנקען ווערן אַרויסגעבראַכט אין ספר עמוס.

* * *

עמוס אנשויאונגען קענען איינגעטיילט ווערן אין פיר טיילן: פּאָליטיש, סאָציאַל, עטיש און טרייסט. ווי אַ גוטער פּאָליטיקער זעט ער ווי דאָס לאַנד איז רייך געוואָרן און דאָס פאָלק לאָזט וואַלגערן אין לוקסוס. רבעם בן יואש האָט טאַקע אויסגעברייטערט די גרעניצן, אָבער ער האָט ניט געזען די געפאַר וואָס לויערט איבער זיין קאָפּ. ווען אַשור האָט געוואָלט אַריינדרינגען קיין מצרים איז אים אַרם געווען אין וועג, האָט ער אָנגערייצט ישראל זאָל מלחמה האַלטן מיט אַרם, כדי זיי זאָלן ביידע ווערן אָפּגעשוואַכט און שפּעטער קומען און איינ־

נעמען ביידע, ארם און ישראל. און יידן האָבן ניט געזען די סכנה. זיי האָבן זיך געזיכערט מיט זייער רייכקייט און דער נביא האָט צער פון דעם וואָס דאָס פאָלק וויל ניט זען די סכנה וואָס קומט אויף אים...

דער נביא, וואָס איז פּאָליטיש אָריענטירט, זעט אין סאָמע בעסטע צייט פון וואוילזיין אויך אַ מפּלה. אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון פאָלקס איינרעדעניש איז געווען, אַז היות ווי עס איז דאָ שפע אין לאַנד, איז ווער גיט דאָס אַלעס, אויב ניט גאָט? מסתמא ווייל יידן זיינען דאָס בעסטע פאָלק, דער עם סגולה. דער דאָזיקער פאַלשער זיכערקייט איינרעדעניש האָט זיי פאַרפירט. זיי האָבן געגלויבט אַז גאָט האָט די יידן ליב. ער האָט זיי רייך געמאַכט, וועט ער ניט לאָזן עמיצער זאָל יידן שלעכטס טאָן. אָבער דער נביא עמוס זאָגט:

זאָל קוועלן זוי וואַסער גערעכטיקייט
און רעכטפערטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער.

אמת, גאָט האָט אייך אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, אָבער ניט כדי איר זאָלט האָבן באַזונדערע ספּעציעלע פּריווילעגיעס; נאָר כדי אייערע פליכטן זאָלן זיין גרעסער פון אַנדערע פעלקער. טאָ נעמט זיך ניט איבער וואָס גאָט האָט אייך אַרויסגענומען פון מצרים; אויך די פלישתים האָט ער אַרויסגענומען פון כפתור, און אַרם פון קיר. און ביי גאָט זיינען אַלע פעלקער גלייך. „פונקט ווי כושים, זייט איר ביי מיר, זאָגט גאָט" (עמוס ט־ז). דעריבער האָט איר זיך גאָר ניט וואָס צו גרויסן איבער די אַנדערע פעלקער, און יהוה, דער נאַציאָנאַלער גאָט פון די יידן ווערט דאָ דער גאָט פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אַלע פעלקער זיינען זיינע באַשעפענישן! און דאָ הויבט זיך אויף עמוס אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון רעליגיעזן אוניווערסאַליזם.

* * *

דער סאָציאַלער איינשטעל איז געווען אַזאַ, אַז וואָס גרעסער עס איז געוואָרן די יידישע באַפעלקערונג, אַלס קלענער איז געוואָרן דער חלק ערד פאַר אַלעמען צו שפּייזן. דאָס לאַנד איז געווען אין די הענט פון איינצעלנע עשירים, און פאַר דאָס רוב אָרעמע פויערים איז גאָרניט געבליבן, און כדי צו באַאַרבעטן די גרויסע שטרעקעס לאַנד האָבן די רייכע לאַנד־אייגנטימער זיך באַנוצט מיט געדונגענע הענט פון די לאַנדלאָזע ערד־אַרבעטער. און צוזאַמען מיט דער גרויסער שפע פון עשירות און גרויס לוקסוס, איז אויך געוואַקסן די אָרעמקייט און אומגלייכ־הייט. און דער נביא עמוס שטורעמט אויף קעגן אַזאַ טרויעריקן מצב, און ער זאָגט: די הערשאַפט פון איין מענטש איבער זיין חבר איז שלעכט:—

איר וואָס ווילן איינשלינגען דעם אביון
און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד,
צו פאַרקלענערן די איפה, און פאַרגרעסערן דעם שקל,
צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן;
וועל איך פאַרקערן אייערע יומים־טובים אין טרויער
און אייערע געזאַנגען אין אַ קלאָג. (עמוס פ־ד־ח).

ווייל איר עסט און פרייט זיך, וועט קומע זאשור און אייך פארטרייבן פון אייער לאנד און חרוב מאכן אייער מדינה. און דער נביא ווארנט די רייכע וועגן דעם בראך וואס קומט:—

איר וואס ליגן אויסגעצויגן אויף אייערע געלעגערס
און ליגן אויף בעטן פון העלפאנטביין;
עסן לעמער פון די שאף און קעלבער פון שטאל,
מיט די בעסטע אילן זאלבן זיי זיך
און קימערן זיך ניט אויף דעם קומענדן בראך. (עמוס ו־ד).

אבער גאט איז אויך א גוטער. ער איז פאר גלייכהייט, און גאט איז בלויז גוטס. דאס שלעכטע קומט דורך שלעכטע מעשים. גאט שטראפט, אבער ער וויל דער מענטש זאל תשובה טאן. אז מענטשן וועלן זיך אויפפירן עטיש וועט די וועלט געהאלפן ווערן. און ווען דער נביא זעט ניט עס זאל פארווירקלעכט ווערן אין דער גאר באענטער צוקונפט, זעט ער א וויזיע פון א וועלט־צוקונפט פון פאלקאמענער גוטס. ער זאגט אין נאמען פון גאט:

איך וועל שיקן א הונגער אין לאנד;
ניט א הונגער נאך ברויט, ניט א דורשט נאך וואסער,
נייערט צו הערן די ווערטער פון גאט.
אין יענעם טאג וועל איך אויפשטעלן
דאס איינגעפאלענע ביידל פון דוד
און וועל פארצוימען אירע בראכן.
זייערע חורבות וועל איך אויפשטעלן,
און וועל עס אויפבויען ווי אין די אמאליקע טעג,
איך וועל זיי איינפלאצן אויף זייער ערד,
און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד
וואס איך האב זיי געגעבן, זאגט גאט דיין האר...
(עמוס ט, 11־13)

מיט טרייסט־ווערטער פון האפענונג פאר א בעסערער מערכה פארן יידישן פאלק, אז זייערע חורבות וועלן אויפגעשטעלט ווערן און אז יידן וועלן דאס מאל זיך איינפלאנצן אויף זייער ערד אייביק — אזעלכע ווערטער זיינען די אמתע סימנים פון א גרויסן נביא. הגם קיין סך אנדערע סימנים, ווי א שטייגער ניסים וועט איר ביי עמוסן ניט געפינען. אבער דער גרעסטער כאראקטער־שטריך פון א נביא איז דער אימפעראטיוו וואס טרייבט אים, דעם פאסטוך, קעגן זיין ווילן, צו ווערן איינער פון די גאר גרויסע נביאים...

משה צוקער

# געקינצלטער און נאַטירלעכער איינשטעל

(עסיי)

זינט דורות און דורות באַמיען זיך צו „מענטשן־פאַרזאָרגער", סיי די רעליגיעזע און סיי די וועלטלעכע — צו געפינען דעם דופק פון ריכטיקן, געזעלשאַפטלעכן איינשטעל. אויף ווי ווייט דאָס איז פאַר אונדז געשיכטלעך צוגענגלעך האָבן מיר נאָך נישט געפונען קיין איינעם פון וועלכן מיר זאָלן קאָנען נעמען אַ מוסטער פון איינשטעלן אַ וועלט אָרדענונג פאַר אַלעמען גלייך, אָדער כאָטש אַזאַ מין געזעלשאַפט, וואו ס'זאָל אויפהערן די כסדרדיקע מחלוקתן צווישן איינצעלנע גרופן און פעלקער.

אפילו צווישן די זעלביקע רעליגיעזע־אידייען־אָנגעהעריקע קאָן מען די דאָזיקע מחלוקתן נישט אויסמיידן. ערגעץ־וואו, צווישן זיי אפילו, שאַפן זיך מיינונגס־פאַרשידנהייטן און דערמיט אַליין באַקומט זיך שוין דער תוך פון דעם אַזוי־גערופענעם „וועגווייזער" און דערצו נאָך אַן אַן אַנדער אַפּנויג, וואָס דערמיט קייטלט זיך שוין אַנדערע אויספירונגען, וועלכע באַקומען שפּעטער אַ גאַנץ אַנדער פּנים און עס איז שווער צו דערקאָנען דעם וואָרצל דערפון.

דעם נאָמען מיט וועלכן מען באַצירט די אַלע זאַכן זיינען פאַרפירעריש. קלייזלעך אָדער יחידים פון אַלע מינים, צי דאָס זיינען רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע לאַגערן — קאָנען זיך אידיאיש פאַרט ווי עס איז צוזאַמענקומען טראָץ דעם וואָס זייער „יניקה" קומט גאָר פון גאַנץ אַנדערע קוואַלן. פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט אַליין קאָן מען שוין אָפּפרעגן די „הונדערט פּראָצענטיקייט" פון אַלע ביז איצטיקע עקספּערימענטן, צוזאַמען מיט זייער צווייפלהאַפטיקער זיכערקייט.

געוויס איז דאָס אַלע מאָל געווענדעט אינם יחיד גופא. וויאַזוי פאַסט ער זיך אַריין אין זיין אויסגעקליבענער סביבה?... און איבערהויפּט, וואָס פאַראַ השפעה האָט זי אויף אים פון דער נאָענט, וואו אַלס קינד האָט מען אָנגעפּאַנגען פאַרמען דאָס לעבן און די קלענסטע קלייניקייטן האָבן אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף דער צאַרטער נשמה און יעדע באַשעפעניש און אידייע איז געווען אַ וועלט־אַנטדעקונג, וואָס איז ביי אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן די „ריכטונגס־שנור" וואָס האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַן אייגענעם געשטאַלט?... נאַטירלעך זיינען אַ סך זאַכן געווענדט אין אומשטענדן אין וועלכע דער יחיד איז באַשערט צו פאַרקערן. דערצו שפּילן אַ גרויסע ראָלע די פעאיקייט מיט וועלכער איינער איז באַשאַנקען, וואָס דאָס אַליין קאָן אים אַרויסרופן אין פאָדערגרונט צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין זיין אומגעבונג.

אָבער אין אַלגעמיין זיינען די ערשטע, אייגענע אַנטדעקונגען, אויף יעדן געביט, אָן קיין שום איינפלוסן און עס קאָן זייער מעגלעך זיין, אַז די אייגענע איינפאַלן און אידייען זאָלן אים באַגלייטן דעם גאַנצן לעבן אויף שריט און טריט. אפילו ווען עס באַפאַלן שאַטנדיקע מאָמענטן, וואָס פאַרטונקלען די ליכטיקע זייט פונם לעבן, בלייבט נאָך אַלץ עפּעס ביי אים אין דער נשמה, וואָס בענקט נאָך דעם אַמאָל. ווייל ביי אַלע מענטשן זיינען דאָך די ערשטע טריט די וויכטיקסטע, דער יסוד פון זיין ווייטערדיקן לעבן.

פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרפן מיר קומען צו די וויטערדיקע שלוסן, אַז צו רעגימענטירן אונדזער וועלט וועט קיינמאָל נישט מעגלעך זיין. מחמת אַזויווי מען קאָן נישט אַלע ניי־געבוירענע קינדער אַריינלייגן אין איין קאַרב, אויסמישן און מאַכן פון זיי איין קאַלאַבור, איין מענטשן; אַפילו ניט קיין איין צווילינג, וואָס זאָל זיין אַזוי אידענטיש. אויף אַזויפיל מוזן מיר זיך רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט.

דאָרט וואו איינער ווערט געבוירן און דערצויגן, דאָרט איז זיין קדשי־קדשים. דער זועלט־פונקט פון וואַנען עס פאַנגט זיך אָן אַלץ וואו איינער זאָל נישט שפּעטער פאַרוואַרפן ווערן און וואָס פאַרא ריכטונג מען זאָל שפּעטער נישט אָנ־נעמען — בלייבט אַלץ אין זכרון דער ערשטער לעבנס־גאַנג פון זיין פּריסטע ווירקונג.

פּאָעטן זוכן אָט־די מאָמענטן אַ גאַנץ לעבן און אויך אַ פּשוטער בשר־ודם איז נישט פריי דערפון. רק עס דערמאָנען זיך אייגענע, נאָענטע, באַקאַנטע, שכנים און אַפילו דער גאַנצער אַרום, מיט וועלכן מען איז געווען אַרומגערינגלט: בערגלעך, גריבלעך, וואַסערן, טייכן און ברונימער, לויט ווי איינעם איז באַשערט געווען איינצולעבן זיך אין די ערשטע בליאונגס יאָרן. דאָס אַלץ האָט אויף דעם בן־אדם איבערגעלאָזט אַ רושם.

דערביי וואָלט געווען כדאי צו פרעגן: וועלכער דערוואַקסענער מענטש, אין וואָס פאַרא עלטער ער זאָל נישט זיין, און וואָס פאַרא גרויסע פּאָזיציע אין לעבן ער זאָל נישט פאַרנעמען — קאָן דען מיט די אייגענע צען פינגער אָפּווישן די „קליינינקייטן" פון דער יוגנט, וואָס האָבן אים אַלס יונגערמאַן געלאָקט און דער־נאָך באַווירקט זיין גאַנצן לעבנס־גאַנס? נאָר אַ שמאָל־קעפּיקער נפש וועט דאָס פּרובירן אָפּלייקענען. אַ מענטש וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ מיטפילנדיקע נשמה, מיט אַ גוטן כאַראַקטער און איז נאָך דערצו אַן ערלעכער — בלייבט מיט די גאָט־געגעבענע אַטריבוציעס דעם גאַנצן לעבן און ער קאָן נישט זיין פאַלש ניט צו זיך און ניט צו זיינע מיטמענטשן. די ערלעכקייט און גוטסקייט באַגלייט אים אויף זיין גאַנצן וועג...

דעריבער מוזן מיר זוכן אַ סינטעז, אַז ס'איז נישט געווען „דאָס פלייש און קנאָבל" נאָך וועלכן די יוצאי־מצרים האָבן זיך פאַרבענקט ביי זייער דורכמאַרש דורך דעם מדבר — נאָר דער גאַנצער אַרום אין וועלכן זיי האָבן זיך שוין געהאַט איינגעלעבט. דער דור־המדבר האָט אָנגענומען די תורה מיט צוואַנג. אָבער דערמיט איז נאָך אַלץ די וועלט נישט געלייזט געוואָרן. אונדזער שליחות איז טאַקע געווען אַ עלט־נויטווענדיקייט. דערמיט האָבן מיר געהאָפן אָפּשאַפן די אַלטע פאַרמען פון געצנדינסט. אָבער ביז היינט האָבן זיך אויף זייער פּלאַץ אַנט־וויקלט אומצאָליקע נייע געצן פון וועלכע דער מענטש דאַרף פּטור ווערן. ערשט היינט דאַרף מען די תורה אויסטייטשן: „מלא כל הארץ כבודו"! און דער אופן וועט זיכער שטימען מיט דער איצטיקער ווירקלעכקייט...

דאָס וועלן מיט צוואַנג איבערצובייטן די פּסיכיק פון גרופּן און גאַנצע פעלקער אַפילו, וועט קיינמאָל נישט ברענגען קיין ישועה פאַר דער וועלט. ביי דעם דור־המדבר וועט דער „היים־ווייי" כסדר טליען, און דאָס וועלן איבער־פלאַנצן אין זייערע קינדער, וואָס שאַפט נאָכדעם אַ שנאת חינם, די זינד פון די

עלטערן און אורעלטערן זיינען שוין געשיכטלעך פון לאַנג פאַרגעסן און פאַר־געבן געוואָרן, און דאָך שפּייזן זיך זייערע אייניקלעך מיט די אַלטע פאַראורטיילן.

דער וועלט־משחית האָט שוין ביז איצט באַוויזן די פאָלגן פון אַזעלכע באַ־גריפן און עס איז שוין צייט אים ווייטער קיין שליטה ניט צו געבן. נאָר אַזעלכע וואָס זיינען נוטה צו שלום באַדאַרפן ווערן די פירער פון זייערע צאן־קדשים. ער דאַמאָלסט וועט מען קאָנען געפינען אַ וועג, וואו יעדער איינער פון זיין געבוירן ווינקל וועט קאָנען אויף אַן אמתן אָפּשאַצן גאָטס ווּלעטל, וואָס זאָל זיין לטובת זיך און לטובת דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס זאָל אַרומנעמען אפילו די אומענדלעכע ווייטקייטן, וואו מיר טרעפן אַנדערש דערצויגענע, וועלכע זאָלן קאָנען קימען צו דעם זעלביקן אויספּיר.

מיט די היינטיקע מאָדערנע פאַרבינדונגען דאַרף נישט זיין שווער צו דער־גרייכן דאָס אָפּשאַפן די מחיצה פון דער ציוויליזירטער שטאָט מיטן דזשאָנגל. מען דאַרף בלויז אַוועקנעמען דאָס, וואָס ס'איז ביז איצט געשאַפן געוואָרן אויף אַ קינצלעכן אופן. דער אויסדרוק: „מבני עניים תצא תורה" איז אויך גילטיק אויף יעדן אָרט וואו עס געפינט זיך לעבן, איז ביי גאָט גלייך חשוב, און מען מוז דאָס אויפהאַלטן. ווייל אפשר האָבן די איינוואוינער פון דזשאָנגל זייער מיסיע אַלס וואַך־פּאָסטנס קעגן די פאַרצוקנדיקע חיות?... אויך אין דער ריכטונג דאַרפן מיר טראַכטן. דאַמאָלסט וועט אויך זיין אונדזער פליכט לגבי זיי ווערן מער פאַרשטאַרקט, און איבערהויפּט קאָנען מיר נישט וויסן אויב דער מאָרגן וועט זיי נישט צושפּילן אַ בעסערע מערכה ווי מיר האָבן דאָ היינט. אָבער דער־ווילע האָבן מיר נאָך די געהיימע סודות פון אונדזער גרויסער וועלט נאָך אַלץ נישט אַנטדעקט.

---

**חנה בושעל־סאַלאָוו**

## קאַליפאָרניער בערג

א שאָד וואָס בערג קענען ניט ריידן,
און ניט דערציילן ווען געבאָרן —
ליגן זיי שטום און באַשיידן
פון טויזנטער יאָרן!

און איבער זיי האָבן געשפּאַנט
עלנטע וואַנדערער אַן אַ צאָל!
מיט דער טאָרבע אונטערן האַנט,
דורך די יאָרן ווייט, אַמאָל!

שטיל געהונגערט און געשפּאַנט
אויף די געדרייטע וועגן —

אין אומבאַקאַנטן לאַנד
דעם בייזן גורל אַנטקעגן!...

די בערג בליקן און שטומען,
קענען ניט ריידן, דערציילן —
פאַרשלאָסן איז ערדישער גומען,
אַזוי אויף טויזנטער מיילן.

נאַקעטע פיס, באָרוועסע טריט,
איבער רוקנס פון הויכע בערג!
און געזונגען האָט ווער אַ ליד
איבער שטומער מאַמע ערד!

מרים ריינעס - מעלצער *)

## מדבר אין בייטן צעאַקערט

אין די ערשטע שווערע חלוצים-יאָרן
האָט איר מדבר אין בייטן צעאַקערט,
און אין געפאַרן זייט איר אַלע
פאַרברידערט געוואָרן
און דעם קאַמף פאַר פרייהייט צעפלאַקערט.

אין לאַנגן גלות, אין שרעקלעכער נויט
האָט איר געטראָגן דעם גלויבן פון דורות גרייט
און דעם וויסטן פעלד צעאַקערט און פאַרזייט.
מיט נצחון האָבן חלוצים ניי לעבן פאַרשפּרייט.

פון נגב און גליל — איבער גרעניצן ווייט
די ברכה פון זון־אויפגאַנג און רעגן,
פון אַקערן מיט פיאַש און פון שניט-צייט,
פון איינגעמען האָריזאָנטישע וועגן.

פון בויען שטעט אויף זאַמדיקן באָדן,
אין אַ וועלט אָן מלחמה, אָן שטרייט,
ווי די זעאונג פון די נביאים,
ווי אַמאָל אין דער פאַרגאַנגענער צייט.

*) צו דער דערשיינונג פון דער דיכטערינס בוך לידער: „צום קוואַל.״

# זעקסטער יאָרצייט פון ה. ראָזענבלאַט ז״ל

## (הזכרה אָפּגעהאַלטן דעם 5טן מאַי אין יידישן קולטור קלוב)

במשך די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער יידיש קולטור־לעבן אַ באַדייטנדיקע צאָל אַנגעזעענע שעפערישע דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס האָבן גאָר אַ סך באַרייכערט דעם גרויסן אוצר פון אונדזער יידישער דיכטונג און פּראָזע. די מחנה פון אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר ווערט וואָס אַמאָל קלענער און ווייניקער און ממילא ווערט אונדזער יידיש וועלט־לעך קולטור־לעבן שוואַכער און מאָגערער. וואו, וואו, אָבער מיר דאָ אין לאָס אַנגעלעס פילן די אבידות פון אונדזערע שעפערישע מענטשן אַמשטאַרקסטן.

דער גרויסער יידישער ישוב אין ניו־יאָרק קען אפשר דעם דוחק אַזוי שטאַרק ניט פילן ווי מיר דאָ. דאָרטן לעבן און ווירקן די גאַנצע פּלעיאַדע פון שרייבערטום: דיכטער, יידישע געלערנטע, וויסנשאַפטלער, לעקטאָרן, כלערליי קינסטלער. ס'איז נאָך אַלץ דאָ צו וועמען זיך צו ווענדן, צו וועמען אַרויפצוקוקן! מיט דעם אוועקגיין פון די געציילטע וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, זיינען מיר גע־בליבן דאָ נאָך מער פאַר'אַבלט און פאַר'יתומט. די אבידה פון אַזאַ חשובע פּערזענלעכקייט ווי ה. ראָזענבלאַט ע״ה לאָזט זיך בכן ביי אונדז שטאַרק פילן. זיין שטול, וואָס ער האָט פאַרנומען אין אונדזער היגן יידישן קולטור־לעבן, איז נאָך לעת־עתה געבליבן ניט קיין פאַרנומענע.

די יידיש־יידישע לאָס אַנגעלעס איז גייסטיק אָרעמער געוואָרן זינט זיין פטירה. פאַר דעם יידיש־יידישן סעקטאָר איז ער געווען דער מדריך, דער „דיען" פון די יידישע שרייבערס. צו זיין וואָרט האָבן מיר מיט גרויס דרך־ארץ זיך צוגעהערט. ער איז געווען אונדזער שטאָלץ און כבוד. מיט זיין חשובער פּער־זענלעכקייט האָט ער באַהויכט די קולטור־מסיבות פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, ווי: ייוו״א, יידישער קולטור קלוב, יידישער שול־וועזן, און ביים אויפנעמען חשובע געסט שריפטשטעלער און דיכטער, ווען זיי זיינען צוגעשוואומען צו אונדזער פּאַציפישן ברעג.

אין די אַלע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס זיינען דערשינען במשך די דריי צענדליק יאָר פון זיין וואוינשאַפט אין ל.א. איז ער געווען אַ נאָענטער מיט־אַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר: אין זשורנאַל „מערב", „פּאַסיפיק", „חשבון" א.אַ.

אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען, אַז דעם נאָמען צו אונדזער שריפט „חשבון" האָט ראָזענבלאַט צוגעטראַכט. הגם אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט מען אין אָנהייב דעם נאָמען אַסאָציאירט מיט „געלט־חשבון". אויבנאויפיק האָט מען ניט באַגריפן, ווי וויכטיק עס איז צו אַקצענטירן אויף אַ גייסטיקן חשבון — „חשבון הנפש", „חשבון הליטעראַטור", חשבון אין אונדזער קולטור טוּונג. הלוואי וואָלטן אונדזערע ליטעראַטן און קולטור־עסקנים געהאַט מיט זיך וואָס אָפטער אַ „חשבון הנפש" אין זייערע טוּונגען און שאַפונגען, וואָלט־אונדזער יידיש קולטור־לעבן געהאַט אַ מער קערנידיק ווערט און אַן אַנדער פּנים. אָט אין דעם זין איז דער נאָמען „חשבון" פון אונדזער שריפט, וואָס ראָזענבלאַט האָט באַ־נאָמענט, דריקט שוין גאָר אויס זיין ווערטיקייט!

ה. רויזענבלאַט האָט אין „חשבון" ניט נאָר געדרוקט זיינע פּרעכטיקע לידער, נייערט ער איז צוערשט אויך געווען זיין מיטרעדאַקטאָר. אוודאי וואָלט עס אים שטאַרק געפרייט וואָס „חשבון", ווי אַ ליטעראַרישע שריפט, האָט באַוויזן אַ דויערנדיקע עקזיסטענץ. (מיר האַלטן שוין ביים נומער 31 — ניינטן יאָרגאַנג). פאַר דער יידישער ל. א., וואָס האָט במשך די לעצטע דריי צענדליק יאָר גע־פּרוּווט כּלעריי פאַרזוכן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט, און מער ווי איין, אָדער העכסטנס 4 נומערן פון אַן אויסגאַבע, האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז „חשבון" אין דעם זין אַ חשובע דערגרייכונג. בעיקר ווען ס'איז די איינציקע שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט דאָ אין דער גרויסער צעשפּרייטער ל.א.

פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז רויזענבלאַטס נאָמען אין לאָס אַנגעלעס געווען דער אַדרעס. ניט צו אָפט ווערן אין אונדזערע יידישע קולטור ספערן דער־מאָנט די אַוועקגייענדיקע באַרימטע פּערזענלעכקייטן; דערמאָנען מיר עפּעס אַ סך אַזעלכע שעפערישע שרייבער ווי: ד"ר זשיטלאָווסקי, יהואש, מ. ל. האַלפּערן, חיים גרינבערג, און צענדליקע אַנדערע פון גרויסער שעפערישער מדרגה? דער רוב ווערט באַלד נאָך דער פּטירה כּמעט ווי פאַרגעסן.

איז גוט וואָס די יידישע קולטורעלע לאָס אַנגעלעס פאַרגעסט ניט איר פאַרדינסטפולן חשובן בן־עיר, דעם ליבן מענטשן, דעם טייערן חבר און באַגאַבטן דיכטער ה. רויזענבלאַט. כּבוד זיין לויטערן אָנדענק.

ביי דער הזכרה איז אויפגעטראָטן: דער דיכטער מאָטעס דייטש, מיט אַ רעפעראַט וועגן ה. רויזענבלאַט, און דער קינסטלער, אַברהם זיגעלבוים, מיט פאַרלייענונגען פון רויזענבלאַטס לידער.

י. פּ.

## פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד פאַר 1962

דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד נעמט נאָך אָן עסייען און דערציילונ־גען פאַר דער דריטער אויסטיילונג פון פּרעמיעס פאַר דער בעסטער דערציילונג און עסיי געדרוקט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער אין 1962.

דער פאָנד איז עטאַבלירט געוואָרן פונעם באַקאַנטן שרייבער און קולטור־טוער, י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון". דער פאָנד טיילט אויס 400 דאָלער — $200 פאַרן בעסטן עסיי און $200 פאַר דער בעסטער דערציי־לונג, אויסגעקליבן פון אַ זשורי.

די זשורי היי־יאָר וועט באַשטיין פון: מלכה טוזמאַן, זלמן זילבערצווייג, מאָטעס דייטש און י. פרידלאַנד.

די מחברים פון געדרוקטע דערציילונגען און עסייען אין 1962 דאַרפן אַריינשיקן זייערע שאַפונגען צום „י. פרידלאַנד פאָנד" ניט שפּעטער פון 15טן דעצעמבער, 1962, אויפן אַדרעס:

**I. FRIEDLAND LITERARY FUND**

**4327 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.**

**גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד**

# מיאַמי בּיטש און אירע „סיניאָר סיטיזענס"

(געזען און פאַרצייכנט)

נאָך אַן אַפּלויף פון איין־און־דרייסיק יאָר בין איך לעצטנס געקומען מיט אַ באַזוך קיין מיאַמי ביטש. כ'האָב פאַר מיינע אויגן דערזען אַ וואונדערלעך, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק בילד: די לופט דורכזיכטיק, דער הימל „נאָך בלויער ווי בלאָ"; די שטאָט, ווי איין גרויסער גאָרטן: כלערליי ביימער מיט זעלטענע קאָלירן און בלומען, און אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָנישער שיינקייט, איבער די „פריוועיס", ווי אַן אויסטערליש געוועב איבערן אַטלאַנטישן ים־אויסגוס, לויפן אויטאָמאָבילן ווי געיאָגט פון אַ שטורעם־ווינט. אַלץ האָט מיך אַרומגענומען מיט אַן אומגעהויערער פאַרגאַפונג.

איז דאָס די שטעטעלע וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט מיט יאָרן צוריק?

כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזט זוכן די צו מיר גוט באַקאַנטע גאַסן, הייזער, אויך די קליינע האָטעלן אין וועלכע אונדזעריקע מענטשן האָבן געוואוינט. מיר האָט זיך געדוכט, אָט־וועל איך אָנטרעפן מאַסלאַנסקין, מיט זיין שיינעם געשטאַלט, גיין מיט זיין דריבנעם טראָט און אונטערברומען אַ ניגון. ווען פאַרבייגייער פלעגן אים באַגריסן, האָט ער נית אויפגעהויבן די אויגן, נאָר בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זיין שטילע וויב פלעגט אים נאָכגיין מיט עטלעכע הינטער־טריט...

יאָ, די צייט האָט אַלץ אָפּגעווישט. אין מיינע אויגן האָט מיאַמי ביטש פאַרלאָרן איר אינטימקייט; זי האָט אָבער געוואונען גרויסע געשעפטן, נאָך גרעסערע געביידעס און גראַנדיעזע שיינע האָטעלן. — געוואונען האָט פּראָגרעס!

דער ים פלעגט פריי קייקלען זיך צום ברעג און קומען דיר מיט געפילדער אַנטקעגן. איצט שטייען די גרויסע האָטעלן אויף קאָלינס עוועניו מיט די רוקנס צום ים און פאַרשטעלן אים. כאָטש אויך די האָטעל־רוקנס זיינען שיין.

דער ים, אַ לויטער גרין, אַ שטילער, לאַשטשעט ער זיך צום ברעג, און דיר דוכט, אַז ער רופט די מענטשן — קומט אַריין און האָט הנאה!

די עטלעכע וואָכן וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין מיאַמי, איז יעדער טאָג געווען יום־טוב. עס גיט דאָ דעם געפיל, אַז אויך די שטענדיקע איינוואוינער דאָרטן זיינען יום־טובדיקע. מען נעמט אייך אויף מיט זוניקע פּנימער און טראָגן אייך אַנטקעגן זייער גאַסטפריינדלעכקייט. מיר האָבן פאַרבראַכט מיט וואַרעמע מענטשן פון אונדזער קרייז, וועלכע האָבן אַן ערנסטע באַציאונג צום יידישן קולטור־לעבן.

עס איז דאָ אַ סך צו דערציילן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אויף די געביטן פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור. כ'וועל פּרוּוון אויף וויפיל ס'איז בכלל מעגלעך איבערצוגעבן פון געהערט און געזען: מיאַמי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „רעזאָרט", וואו בלויז רייכע האָבן זיך געקענט פאַרגינען. עס האָבן זיך באַזעצט דאָרטן יידן פון אַ „גאַנץ יאָר". די רעליגיעזע האָבן זייערע שולן, רבנים און חדרים; דער אַרבעטער רינג האָט אַן אייגענע היים און קינדער־שולן; די פּועלי־ציון — דאָס אייגענע. ביים הסתדרות דריטן סדר זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע „שיכטן" און דער סדר איז געווען אין אַן עכט כשרן האָטעל.

די שטאַט־פּאַרוואַלטונג האָט איינגעאָרדנט פֿאַר אירע „סיניאָר סיטיזענס״ אַ טעאַטער, וואָס פֿירט אויף גאַנץ אָפֿט גוטע פֿאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, לעקציעס, אויך טענץ; קלאַסן צו לערנען ענגליש, מאָלן, „סעראַמיקס״ און סקולפּטור. אַלע די וועלכע ווילן נאָר נעמען אַנטייל זיינען פֿריי זיך אָנצושליסן.

מיר זיינען געווען צו אַ טייל אונטערנעמונגען: דעבאַטן, געזאַנג און טענץ. מיר האָבן געזען זייערע אַקטיוויטעטן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייערלעכקייט זיי האָבן אַלץ אויפֿגענומען. קוקנדיק אויף זיי איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק אונדזער גרויסן דיכטער רויזענבלאַטס אַ ליד: „דער באָבעס טאַנץ״, וועלכן אונדזער פֿייגעלע פּאַניטש זינגט עס מיט אַזאַ זעלטענעם חן, אַז אַ טרער באַווייזט זיך ביי די צוהערער.

„וואָס מיר עלטער! ווער מיר עלטער!״

אַזוי האָב איך געפֿילט קוקנדיק אויף די פֿריידיקע פּנימער פֿון די עלטערע מענטשן.

די „סיניאָר סיטיזענס״, האָב איך געקלערט, זיינען זיכער דאַנקבאַר דער מיאַמער שטאָט פּאַרוואַלטונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אָט־די אַלע זאַכן פֿאַר זיי. אויך די האָטעלן, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק געווען ערשט־קלאַסיקע, זיינען איצט געעפֿנט געוואָרן פֿאַר די „סיניאָר סיטיזענס". מען דאַרף ניט זיין רייך צו קאָנען וואוינען אין זיי: זיי זיינען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ס'איז צוגענגלעך פֿאַר יעדן „סאָשל סעקיוריטי״ מענטשן.

אין איינעם פֿון אַזעלכע האָטעלן האָבן מיר באַזוכט דעם באַוואוסטן דער־ציילער, איסר תּלוש, וועמען מ'האָט באַטיטלט: דער יידישער גאָרקי. צום באַדויערן איז ער שוין איצט אַ נפֿטר, ז"ל.

ס'איז באמת צום דאַנקען און בענטשן די מענטשן מיט וויזיע, וועלכע האָבן דורך זייער מי געטאָן אַ הומאַניטאַרע אַרבעט און געעפֿנט אַ זוניקע טיר צום לעבן פֿאַר די אַלע הונדערטער אפֿשר טויזנטער „סאָשל סעקיוריטי״ מענטשן וועלכע וואוינען דאָרטן און האָבן געפֿינען אויף זייער „גאָלדענער עלטער״ אַ פֿולן און פֿריידיקן לעבן.

---

**בען צוקערמאַן**

# אויף היסטאָרישע פּלעצער

## פֿון מיין באַזוך אין מדינת ישׂראל

דער קרן קימת לישׂראל האָט אויפֿגעלעבט די הרי הגלבוע. די היסטאָרישע קללה וועט קירצלעך פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ברכה פֿאַר 400 נייע משפּחות, וועלכע וועלן באַזעצט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפֿט.

עס טליעט אין מיין מוח און מיין זכרון וואָס מיין רבי האָט מיט מיר געלערנט:

— דאָס גאָט האָט פֿאַרשאָלטן די הרי הגלבוע, דאָס עס זאָל ניט זיין קיין רעגן און קיין טוי; עס זאָל גאָרניט וואַקסן אויף די הרי הגלבוע. איך האָב מיט מיין קינדערשן שׂכל ניט געקאָנט באַגרייפֿן וואָרום גאָט האָט געשטראָפֿט די אומשול־דיקע מאַמע־ערד און די בערג. וואָס זיינען אייגנטלעך שולדיק די בערג, וואָס

שאול און יונתן און זיינע גענעראַלן זיינען דאָרט געפאַלן? ביז דער לעצטער צייט האָט די פראַגע מיך איבערגעלאָזט אָן אַן ענטפער.

ווען איך האָב גערעט פון ד״ר מאַרטאָן, פאַרזיצער פון אַמעריקאַנער פאונדיישאַן פאַר דעם קק״ל, האָט ער מיר דערציילט וואָס דער קרן קימת פּלאַנירט: אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט וועלן אויפגעשטעלט ווערן הייזער פאַר 400 יידישע משפחות, וועלכע וועלן באַלעבן די בערג פון גלבוע. פאַר מיר איז עס געווען אַ נייעס. כ׳האָב אַלע מאָל געוואוסט אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד גרייט צו דעם באָדן און דעם קרן היסוד פינאַנסירט דעם הייזער־בוי. דאָ אין דעם פּלאַן פאַר דעם הר הגלבוע איז דער קרן קימת וועלכער שטעלט אויף די הייזער און די געביידעס.

איך האָב באַטראַכט די הרי הגלבוע פון דעם טאָל פון עין חרוד—פון דעם שטורמאַן הויז. די בערג זיינען פּראַכטפול באַדעקט מיט אַ גרינעם טעפּיך פון גראָז; דער טאָל, דער עמק חרוד. בית שאן גרעניצט זיך אין דרום מיט דעם גלבוע באַרג; אין מזרח — מיט די בערג פון גלעד; און אין צפון — מיט די בערג פון גליל התחתון. אָט דער טאָל איז איינער פון די היסטאָריש־וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע ערטער אין לאַנד. נאָך אין דער פאַר־היסאָרישער צייט האָט דער אוראַלטער מענטש געפונען אָ־דאָ גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיין עקזיסטענץ: אַ גוטן קלימאַט, גענוג וואַסער, חיות און אַלערליי גרינסן פאַר באַשפּייזונג און קליידונג. דער טאָל האָט געבליט; אָבער טאַקע אויך דערפאַר געליטן פון מלחמות און קאַמפן, פון זיג און באַזיגטע. איז טאַקע דער געגנט רייך מיט רעשטן און איבערבלייבעכצן פון פאַרשידענע קולטורן: עגיפּטישע, יידישע, העלעניסטישע, רוימישע, ביזאַנטישע און אַראַבישער. דער באַרג גלבוע היט אָפּ אין זיינע פאַלדן דעם טראַגישן אָנדענק פון מלך שאול און זיין זון יונתן. די פלישתים האָבן זייערע טויטע גופים גענאָגלט צו די מויערן פון בית שאן— און די איינוואוינער פון יבש גלעד האָבן זיי דערנאָך געבראַכט צו קבר ישראל.

די באַזוכער אין בית שטורמאַן קענען פון דריטן שטאָק וואַרפן אַ בליק אויף דער הערלעכער סביבה פון דעם עמק מיט זיין ישוב, וועלכער האָט אין דעם יאָר 1921 געגרינדעט דעם ערשטן פונקט מיט 75 נפשות, און איז אויסגעוואַקסן צו אַ ישוב פון צענדליקער ישובים און אַ באַפעלקערונג פון קרוב צו צוואַנציק טויזנט נפשות.

אָט־דער עמק איז דער וועג־ווייזער פאַר אַלע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע אין דער מדינה. סיי דער קיבוץ, די קבוצה און דער מושב עובדים האָבן זיך צום ערשט געגרינדעט און זיך איינגעשטעלט אין עמק יזרעאל.

די גרויסע שטחים פאַר דער פאַרצוויינטער קאָלאָניזאַציע האָט דערוואָרבן דער קרן קימת לישראל. אין דער געשיכטע פון יידישן אויפקום און דאָס עטאַבלירן פון מדינת ישראל האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָליע דער יידישער נאַציאָנאַל פאָנד און דער פּיאָנערישער גייסט פון די וועלכע האָבן באַזעצט און באַפרוכפּערט דעם עמק.

**א. באַבימש**

# פעדער־שפּריצן

אויב דו גייסט באַרגן געלט, זוך אויס אַ פּעסימיסט; אַזאַ איינער דערוואַרט קיינמאָל נישט אַז מען זאָל אים אָפּגעבן אַ חוב.

* * *

ווי נאָר שוחד קומט אַריין דורך דער טיר — אַנטלויפט די ערלעכקייט דורכן פענצטער.

* * *

דער אַהויב פון אַ שרפה איז אַ פונק; דער אָנהויב פון ליבע — איז נאָר אַ בליק . . .

* * *

דער שכל פון אַ פרוי איז איר שיינער פּנים; די שיינקייט פון אַ מאַן איז זיין שכל.

* * *

אַז אַ באַנקיר שרייבט אַ שלעכט ליד, טשעפּעט אים קיינער נישט; אָבער זאָל אַ דיכטער אָנשרייבן אַ שלעכטן טשעק, אַרעסטירט מען אים.

* * *

דער איז אָפּגענאַרט אַממערסט, ווער עס איז גענאַרט אין זיך אַליין.

* * *

דאַנקבאַרקייט איז די פרוכט פון ריינעם געוויסן, וואָס וואַקסט נאָר אין אידעלע הערצער.

* * *

די בית־עלמינס זיינען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן געמיינט, אַז אָן זיי קען מען זיך נישט באַגיין.

* * *

מען קען לייכטער פאַרהיטן אַ וועלט־קריג, ווי אַ קריג וואָס ווערט פּראָוואָצירט פון איינצעלנע מענטשן.

* * *

ליבע איז אָפט אַ שפּיל, און דאָס געווינס גייט צו דעם, וואָס קען בעסער שפּילן.

* * *

דער מענטש וואָס צופיל פאַרליבט אין זיך אַליין, איז ביי דער וועלט ווייניק נושא חן.

* * *

די אַמאָליקע חתונה־רינגלעך זיינען געווען דיקע, ווייל זיי האָבן געדאַרפט אויסהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן.

* * *

ניט יעדער סוחר איז אַ חכם, ניט יעדער חזן איז אַ נאַר, ניט יעדער כהן איז אַ כעסן, און ניט יעדער מלמד איז אַ בטלן.

* * *

תבר זיך מיט יעדן מענטשן, אָבער אפילו אויף איינעם פון טויזנט זאָלסטו זיך נישט פאַרלאָזן.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## פערטער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער ליטעראַטור" דערשינען

אין פאַרלאַג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס איז שוין דערשינען דער 4טער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור." דער באַנד האָט 468 קאָלומס, ענציקלאָפּעדיע פאָרמאַט; אנטהאַלט ביאָ־ביבליאָגראַפיעס פון 508 יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געווירקט אין דער ליטעראַטור די לעצטע 150 יאָר.

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון אפרים אויערבאַך, יצחק באַרלאַש, משה שטאַרקמאַן און מיט דער הילף פון מלך ראַוויטש. די מיטאַרבעטער — זיינוול דיאַמאַנט, ברוך טשיבינסקי, מרדכי יפה ע"ה, יעקב כהן, בנימין עליס, חיים לייב פוקס, לייזער ראַן.

אין די 4 בענד פון לעקסיקאָן, וואָס זיינען דערשינען ביז איצט, זיינען פאַראַן 3048 ביאָ־ביליאָגראַפיעס.

---

**איציק מאַנגער** — איז פאַרטראַטן אין דער אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־פּאָעזיע, אַרויסגעגעבן פון דער „יונעסקאָ" קולטור אינסטיטוט ביי די פאַר־אייניקטע פעלקער. אין דער אַנטאָלאָגיע זיינען באַטייליקט 45 פעלקער דורך זייערע באַדייטנדיקע דיכטער.

---

**יעקב גלאַטשטיין און חיים גראַדע** — אונדזערע באַרימטע דיכטער און פּראָזע מייסטערס, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פון מדינת ישראל צו קומען אויף אַ באַזוך קיין מדינת ישראל אין די זומער־חדשים פון 1962. מיר זיינען זיכער, אַז זיי וועלן אויפגענומען ווערן פונעם ישוב בסבר פנים יפות.

---

**ד"ר שלמה סיימאָן** האָט אין דער „פ.א.ש." פון חודש מאַי פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל א.נ.: „אַלץ אין נאָמען פון קונסט", אין וועלכן ער קריטיקירט שאַרף יצחק באַשעוויס־זינגערס בוך: „דהי שפּינאָזא אָוו מאַרקעט סטריט." מיר האָבן געפונען פאַר וויכטיק איבערצודרוקן די קריטיק אין דעם נומער. (זע זייט 16).

---

## ליטעראַרישע מאָרדן

אין דעם מאַי נומער „אונדזער צייט" ה.י., האָט אַברהם שולמאַן, באַוואוס־טער שרייבער און קריטיקער, אַן אַרטיקל אונטער דער אויבנדערמאָנטן נאָמען. עס רעדט זיך דאָרטן וועגן די אַ. ג. אַפּרייסערישע קריטיק. לגבי די ניט־יידישע קריטיקער, זאָגט שולמאַן, זיינען די יידישע קריטיקער ממש זויג־קינדער.

„עס איז געגוג צו מאַכן אַ קליינע עקסקורסיע אין דער געשיכטע פון ליטע־ראַרישער קריטיק ביי אַנדערע פעלקער און מ'ווערט ממש דערשיטערט פון דער נתתדיקער פרידלעכקייט וואָס ערשט אויף אונדזער אייגענעם הויף."

שולמאַן ברענגט אַ ריי מיט נעמען פון די באַרימטהייטן, היינטיקע קלאַסי־קער, וואָס די קריטיק האָט געזאָגט וועגן זיי ביים לעבן. צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר: וועגן די צוויי גרויסע אַמעריקאַנער שרייבער ווי פּאָו און וואַלט וויטמאַן. אויף דעם לעצטן, דער מעכטיקער פּאָעט, דער אַמעריקאַנסטער פון אַלע פּאָעטן, האָט ביים לעבן זיינעם באַקומען פון זיינע ברידער־קריטיקער אַזעלכע מעדאַלן: „זיין שרייבן איז אַ קובל מיט שמוציקע וואַסער", „קראַפּאָווע", „בעסטיאַליש, אומהיימלעך" און „פּאָרנאָגראַפיש, פאַרפוילט מיסט." „פון אַלע שרייבער איז וואָלט וויטמאַן דער סאַמע נאַרישסטער, דעם צום מיינסטן אָפּשטויסנדיקער; זיינע אומגראַמאַטיקאַלישע פלוידערייען קענען בלויז פאַרגליכן ווערן צום געפּרעפּל פון משוגעים."

וויטמאַן האָט געמוזט פריער אָנערקענט ווערן, פונקט ווי פּאָו — שרייבט שולמאַן — אין פראַנקרייך, דורך באַדלערן מיט עמיל זאָלאַ, אַז אַמעריקאַנער לייענער זאָלן אים וועלן נעמען אין האַנט. און אַזוי רעכנט ער אויס אַ צענדליק גרויסע, פון די סאַמע שפּיצן פון דער וועלט־ליטעראַטור, מיט וואָס פאַר אומ־היימלעכע עפּיטעטן די קריטיק האָט זיי מזכה געווען.

יאָ, גיי פאַרלאָז זיך אויף דער מבינות פון דער אַ.ג. קריטיק...

---

**אַ קאָמיטעט צו פייערן דעם 65 יאָריקן יובליי** פון דעם דיכטער **לייב פיינבערג** איז פאָרמירט געוואָרן מיט ד"ר שלמה ביקעל, פאָרזיצער, און ש. אַפּטער, סעקרעטאַר. צו דער געלעגנהייט פון דעם יובליי וועט בקרוב דערשיינען פיינבערגס נייער ראָמאַן אין פּראָזע, אַ.ג.: „דער געבענטשטער דור." די בקשה פון קאָמיטעט אין זיין ווענדונג זיך פאַראויס באַשטייערן, כדי צו העלפן אַרויסגעבן דעם דערמאָנטן ראָמאַן. דער אַדרעס פונעם יובליי קאָמיטעט איז: 1319 שערידאַן עוו., בראָנקס, נ.י.

---

## ליטעראַרישע מסיבות פון די „חשבוניאַנער"

אין שטוב פון קאָלעגע משה וויסמאַן און זיין ליבע פרוי איז סוף אַפּריל דורכגעפירט געוואָרן אַ מסיבהלע פון די קאָלעגן און פריינט פון „חשבון".

אַ צווייטע „חשבוניאַדע" איז דורכגעפירט געוואָרן סוף מאַי, אין שטוב פון קאָלעגע א. באַביטש און זיין ליבע פרוי. בייביידע מסיבות האָבן זיך באַטייליקט די קאָלעגן מיט לייענונגען פון לידער און פּראָזע און שמועסן איבער ליט. ענינים. די חברות האָבן מכבד געווען די געסט מיט פיינעם כיבוד, און פון ביידע מסיבות איז דער ביישטייער, הן גייסטיק והן מאַטעריעל געווען אַ באַפרידיקטער.

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקט דאָ אויס אַ וואַרעם האַרציקן דאַנק די חברים וויסמאַנס און באַביטשעס פאַר זייער חברשער גאַסט־פריינדלעכקייט.

---

**חיים באַרקאַן**, באַקאַנטער דיכטער, גאַסט פון פילאַדעלפיע, האָט גע־ווילט עטלעכע וואָכן אין ל.אַ. די קאָלעגן פון היגן פען־קלוב האָבן געהאַט מיט דעם חשובן גאַסט אַ ליטעראַרישע מסיבהלע.

# אונדזערע בעלי היובלים

## איניציאַטיוו־קאָמיטעט צו פייערן 50 יאָריקן יובל פון א. סוצקעווער

אין יאָר 1963 ווערט דער דיכטער אַברהם סוצקעווער פופציק יאָר. אין שייכות דערמיט האָט זיך געשאַפן אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט, וואָס שטעלט זיך דעם ציל: א) אַרויסצוגעבן אין צוויי בענד דעם דיכטערס ווערק; ב) אַרויסגעבן אַ יובל־שריפט לכבוד דעם דיכטער (רעדאַקציע: מ. גראָס־צימערמאַן, דוב סדן, זלמן שזר); ג) אַרויסגעבן אַ באַנד געקליבענע לידער, איבערגעזעצט אויף העברעאיש; ד) פייערן עפנטלעך דעם יובל און פאַרוואַנדלען אים אין אַ יום־טוב פון דער יידישער דיכטונג.

כדי דורכצופירן די אויבנדערמאָנטע אונטערנעמונג צום כבוד פון דיכטער און פון אונדזער ליטעראַטור, ווענדעט זיך דער קאָמיטעט צו יחידים און אָרגאַניזאַציעס צו שיקן הילף אויף דעם אַדרעס: א. סוצקעווער יובל־קאָמיטעט, ת"ד 21145, תל־אביב, ישראל.

## דוב סדן — אַ בן־ששים

דוב סדן, ווי אַ לינגוויסט, ליטעראַטור היסטאָריקער, קריטיקער, פאָלקלאָריסט, רעדאַקטאָר, איבערזעצער און דען „דיען" פון דער קאַטעדרע פאַר יידיש אין ירושלים אוניווערסיטעט, האָט ער זיך זיכער פאַרדינט אַ פיל גרעסערע אָפּהאַנדלונג צו זיין יובל. הגם ס'איז שוין טיילווייז געטאָן געוואָרן, וועט זיכער נאָך געשריבן ווערן וועגן דעם פאַרדינסטפולן יידיש־העברעאישן שריפטשטעלער — דוב סדן, אין די יידישע און העברעאישע צייטשריפטן.

דורך אונדזער באַשרענקטער שריפט פון דעם וויטן מערב — לאָס אַנגעלעס, שיקן מיר איבער אונדזערע פלאַמיקע גרוסן צו אונדזער זייער חשובן אַמבאַסאַדאָר פון יידיש אין ישראל — דוב סדן, צו זיין 60 יאָריקן געבוירנטאָג, און ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן משפיע צו זיין אויף אונדזער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

## מלך ראַוויטש — אַ בן שבעים

אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, וואו מלך ראַוויטש איז אַ חשובער בן־עיר, האָט די יידישע אינטעליגענץ דאָרט אַרום דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק און „קאַנאַדער אָדלער" איינגעאָרדנט די פייערונג פון זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג.

מלך ראַוויטש, דיכטער, עסייאיסט און לעקסיקאָגראַף פאַר עקסעלענץ, איז צום יידישן שרייבער דער באַוואוסטסטער און אינטימסטער, הן פאַר זיין פּראָדוקטיוו שעפערישקייט והן ווי אַן עטישע פּערזענלעכקייט צו וועלכן מ'האָט אַן אויפריכטיקע און ערנסטע באַציאונג.

ראַוויטש איז דער מחבר פון 22 ביכער, כן ירבו! אַריינגעמענדיק די דריי בענד: „מיין לעקסיקאָן", וועלכע זיינען פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט לדורות. די ווערק „מיין לעקסיקאָן" זיינען מער ווי אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע שרייבער, זיי זיינען אַ שטיק ליט. געשיכטע. דער יידישער ליט. היסטאָריקער וועט וויסן

ווי אָפּצושאַצן אָט־די גרויסע קערנדיקע און ווערטפולע שאַפונג פון איינעם, וועלכער איז אַ חד במינו אויף אָט־דעם ליטעראַרישן פעלד.

ווילן מיר זיך מתיחד זיין מיט די פריינט און קאָלעגן, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט ראַוויטשעס יובל און מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונט און שעפע־רישע אריכת ימים עד מאה ועשרים שנה.

---

**בערל בוים:** באַקאַנטער דערציילער, עסייאיסט, איז געוואָרן אַ בן־שבעים. בוים איז מחבר פון אַ בוך „אויף שמאָלע סטעזשקעס"; לעצטנס איז דערשינען זיינס אַ ווערק: „געקניפּט און געבונדן." ער האָט דעביוטירט אָפּט מיט דערציילונגען אין די ליט. זשורנאַלן און צייטשריפטן. מיר ווינטשן אים אַ סך געזונט און אריכת ימים.

---

**נחום כאַנין** — אַ פינף־און־זיבעציקער: גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אַרבעטער רינג; אַקטיוו געזעלשאַפטלעך, קולטור און שרייבעריש; מיט אַ שכל הישרדיקן צוגאַנג צו יידיש, סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען און מדינת ישראל. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונט און שעפערישע אָרן.

---

## חיים גראַדע אין לאָס אַנגעלעס

אונדזער חשובער גאַסט, דער באַרימטער דיכטער און נאָוועליסט, חיים גראַדע, איז צו אונדזערע יידיש־יידן אין ל. א. ניט קיין פּנים חדשות.

מיט 3 1יאָר צוריק, תיכף נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, האָט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, דורך דער באַמיאונג פון ה. רויזענבלאַט ע"ה, איינגעלאַדן חיים גראַדען קיין ל. א. מיט אַ זעקס יאָר צוריק און אויך איצטיקס מאָל איז גראַדע פאַרבעטן געוואָרן צו קומען קיין ל. א. אויף דער איניציאַטיוו פון דעם היגן נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד. קומט דעם פאַרבאַנד באמת אַ וואַרעמען יישר־כוח ניט נאָר פאַר אַראָפּברענגען צו אונדז דעם חשובן דיכטער, חיים גראַדע, נייערט פאַר אויך באַדייטנדיק העלפן אַרויסצוגעבן זיין בוך „די עגונה" און אויך דאָס פאַרשפרייטן פון זיינע ביכער בכלל.

מיט גראַדעס איינוואָרצלען זיך דאָ אין לאַנד, האָט ער זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז ניט נאָר ווי אַ קרעפטיקער דיכטער, נייערט אויך ווי אַ פּראָזע־מייסטער. זיינע בעלעטריסטישע ווערק מערן זיך אין איכות און כמות פּאַראַלעל מיט זיינע דיכטערישע שאַפונגען, וואָס ציען דעם גרויסן אינטערעס פון דעם יידיש אינטע־לעקטועלן לייענער, שרייבער און קריטיק. מיט נאָך אַ קרעפטיקן טאַלאַנט האָט גראַדע זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט, און דאָס איז, מיט זיין בילדערישער רעדנער קונסט.

גראַדע איז במשך די פאַר וואָכן פון זיין ווילן דאָ אויפגעטראָטן בערך מיט 12 רעפעראַטן ביי דעם רוב פון די היגע קולטור אָרגאַניזאַציעס, און אומעטום זייער גוט באַזוכטע. ביי די אַלע רעפעראַטן האָט דער גרויסער עולם גראַדען אויפגענומען מיט אַ סך וואַרעמקייט און אויסגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס זיינען באמת געווען נחת־רוח'דיקע מאָמענטן פון גרויסע דערהויבענע איבערלעבונגען.

## בית שלום עליכם און יידישער שרייבער־קלוב אין תל־אביב

בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע אין אַמעריקע פאַר דעם בית שלום־עליכם אין תל־אביב, זיינען אַ צאָל מנדבים געווען אונטערן איינדרוק, אַז אין דעם זעלביקן בנין וועט אויך קענען הויזן דער דאָרטיקער יידישער שרייבער־קלוב. ס'וואָלט באמת געווען אַ גלייכער שידוך. אין בית שלום־עליכם וואָלט זיך תמיד געלאָזט הערן דאָס לעבעדיק יידיש גערעדטע וואָרט, אַנשטאָט די מומיזיר־טע שטילקייט פון אַ מוזעאום...

עס זעט אָבער אויס, אַז די לייטונג פון דעם „בית ש"ע" האָט אַנדערש בדעה געהאַט. און... דער יידישער שרייבער קלוב פון תל־אביב, מיט אַ מיטגלידער־שאַפט פון אַ מאה בכבודיקע שרייבער, וועט לעת־עתה מוזן בלייבן אין קעלער, ווי ביז איצט.

דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט אַ שמועס מיט דעם חשובן יידיש־העברעאישן שריפטשטעלער, מרדכי חלמיש, פאָרזיצער פון דעם יידישן שרייבער קלוב אין תל־אביב, וועלכער איז לעצטנס געווען צוגאַסט אין ל. א. אויף עטלעכע טעג. האָט אונדז איבערגעגעבן: היות פון דעם פריערדיקן געדאַנק אַריינגע־נומען צו ווערן אין דעם בית ש"ע האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך, וועט מען מוזן אויפנעמען אַ באַזונדערע אַקציע לטובת אַ בית הסופרים פון יידישע שרייבער אין תל־אביב.

מרדכי חלמיש האָפט, און מיט רעכט, אַז דער אַרבעטער רינג, דער נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וועלן טאָן זייער חוב און שאַפן אַ פאָנד פון לכל הפחות אַ 50 טויזנט דאָלער, כדי די יידישע שרייבער אין תל־אביב זאָלן ענדלעך אויך האָבן אַן אייגן ווינקל, אַ מקום מנוחה פאַר זייערע שעפערישע צוזאַמענקונפטן, און אויך קענען אויפנעמען און מקרב זיין יידישע שרייבער און קינסטלער ווען זיי שווימען צו צו די ברעגן פון מדינת ישראל.

מיר האָפן אַז די מנדבים פון בית ש"ע וועלן אויך ניט אָפּשטיין מיט זייערביישטייער צום אויפבוי פון דעם יידישן בית הסופרים.

## „ה. ד. נאָמבערג שרייבער פאַראיין"

דער ה. ד. נאָמבערג שרייבער פאַראיין, אין בוענאָס איירעס, האָט דעם 6טן אויגוסט געפייערט דעם פערציקסטן אוניווערסאַר זינט דער גרינדונג פון דעם „נאָמבערג שרייבער פאַראיין."

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע זאַמלונג פון 500 זייטן מיט שאַפונגען פון אַכט צענדליק מיטגלידער פון דעם נאָמבערג שרייבער־פאַראיין אין ב. א.. פרעזידענט פון פאַראיין, אַברהם זאַק; סעקרעטאַר, נחמיה צוקער.

פון דעם וייטן מערב, לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע, שיקן מיר איבער צו די קאָלעגן פון דעם „ה. ד. נאָמבערג שרייבער פאַראיין" אונדזערע קאָלעגיאַלע וואַרעמע גרוסן, אין נאָמען פון היגן פע"ן קלוב און רעדאַקציע פון „חשבון".

## 100 יאָריקער געבוירנטאָג פון מאָריס ראָזענפעלד דורכגעפירט ביי דער גראַדואירונג פון די אַרבעטער רינג שולן אין ל. א.

א גרויסער עולם, עלטערן, שול־טוער און פריינט פון יידישער דערציאונג האָבן מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט אַ מאָריס ראָזענפעלד פּראָגראַם דורכגעפירט פון די גראַדואַנטן און אויך פון דער קינדער־כאָר אונטער דער לייטונג פון זייער געזאַנגס־לערער.

דער פאָרזיצער פון די שולן, חבר אַלעקס ראַבינס, האָט אין אַ זאַכלעכער רעדע באַקאַנט דעם עולם מיט דעם כאַראַקטער פון די אַ. ר. שולן און אַז יונגע עלטערן אַרום די שולן נעמען איצט אַן אַקטיוון וואַרעמען אינטערעס אין דער אַרבעט פון די שולן.

ס'איז ווערט צו פאַרנאָטירן, אַז אַלע גראַדואַנטן, פיר מיידלעך און איין בחור, האָבן זיך באמת אויסגעצייכנט מיט אַ פיינעם, זאַפטיקן יידישן לשון, וואָס ניט תמיד איז עס אַזוי דער פאַל אין אונדזערע שולן. ד״ר דוד ברידזשער, פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, האָט באַגריסט, פון דעם אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט: מאיר וויינטרויב; חיים גראַדע, גאַסט אין לאָס אַנדזשעלעס צו יענער צייט, האָט באַגריסט די אַ.ר. שולן. דער עלטערן פאַראיין האָט אויסגעדריקט גרויס אָפּשאַצונג צו זייער פאַרדינסטפולן הויפּט־לערער, שמואל סיגל, געבנדיק אים אַ שיינע מתנה.

באמת אַ שאָד וואָס מיר האָבן ניט אין ל.א. אַ פאַראייניקטע מיטלשול, אַז די גראַדואַנטן פון די אַלע שולן זאָלן ביכולת זיין ממשיך צו זיין, אויסברייטערן און פאַרטיפן דאָס יידיש וויסן. אָן אַזאַ המשך גייט דאָס ביסל וויסן, וואָס זיי האָבן געגאַשט, צום באַדויערן, היפּשלעך פאַרלוירן.

---

## „דער געבענטשטער דור", ראָמאַן וועגן די בויער פון מדינת ישראל, פון ל. פיינבערג, דערשיינט אינגיכן

דער באַוואוסטער יידישער דיכטער און מיטאַרבעטער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ל. פיינבערג, האָט לעצטנס פאַרענדיקט אַ ראָמאַן אין פּראָזע: „דער געבענטשטער דור", אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די וואונדערלעכע אָדיסייע פון דער יידישער שיף „רוסלאַן", וועלכע האָט אין סאַמע ברען פון דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרלאָזט די שטאָט אָדעס מיט 670 יידישע עולים קיין יפו — און דערמיט איז פאַקטיש אָנגעהויבן געוואָרן די „דריטע עליה" קיין ארץ־ישראל.

ל. פיינבערגס ראָמאַן געפינט זיך שוין אין דרוק און וועט גאָר אינגיכן דערשיינען. דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו פייערן ל. פיינבערגס 65 יאָריקן יובל.

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן צו:

L. Feinberg Jubilee Committee, 1319 Sheridan Ave.. Bronx 56, N.Y.

# נייער זשורנאַל „אונדזער דור"

רעדאַקטאָר: יאָסל קאָהן, באַקאַנטער דיכטער־עסייאיסט.

ווען די שורות ווערן געשריבן האָבן מיר לעת עתה דערהאַלטן נאָר דעם 3טן נומער פון דער שריפט. אויף וויפיל ס'איז בכלל מעגלעך זיך שאַפן אַ סאָלידן איינדרוק פון דריי נומערן פון נייעם זשורנאַל, מעג מען אָבער זאָגן, אַז „אונדזער דור" מאַכט אַ גוטן איינדרוק. מיר האָפן נאָר און ווינטשן אַז די שריפט זאָל האָבן אַריכת ימים.

מיר וויסן זייער גוט ווי שווער עס איז אַרויסצוגעבן אַ נייע פּעריאָדישע שריפט, בעיקר ווען מ'האָט ניט אונטער זיך אַ פּאַרטיי אָדער אַ פּאָליטישע ריכ־טונג וואָס שטיצט זי, און אַז די פּען־מענטשן ביי דער יידישער פּרעסע פאַרשווייגן די דערשיינונג; און ממילא, צוליב דער פאַרשוויגעניש, איז דער אָפּרוף פון דעם בעסערן יידישן לייענער אויך ניט אַזעלכער ווי מען מעג דערוואַרטן. דעריבער איז די אַנטוישונג פון דעם אַרויסגעבער אַ האַרבע און אַ שווערע.

אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט ביים איצטיקן גלייכגילטיקן יידיש־קולטורעלן מצב, איז אמת אַ גבורה, עקשנות, אומאויפהערלעכן געדולד ביז מ'באַשאַפט אַן אָנהייב פון אַ שטיקל באַדן און אַ פּעריפעריע אַרום אַ שריפט. עס איז אַ שווערע פּיאָנערן אַרבעט. מ'מוז האָבן אַ סך עקשנות, אומאויפהערלעכן געדולד ביז מ'באַשאַפט אַן אָנהייב פון אַ שטיקל באָדן און אַ פּעריפעריע אַרום אַ שריפט.

פון אַ פּערזענלעכן בריוו צום שרייבער פון די שורות, איז דער רעדאַקטאָר יאָסל קאָהן, שוין שטאַרק אַן אַנטוישטער פון דער אונטערנעמונג; צווישן אַנדערן שרייבט ער:

„כ'וועל אייך זאָגן, אַז נאָר מיט נסים גייט דער זשורנאַל אַרויס. כ'האָב ניט קיין שום הילף פון קיינעם. איך גאָט ווייסט, כ'האָב שוין ניט קיין כוח. עס לאָזט זיך אויס אפילו דאָס געדולד, פון עגמת נפש איז אָפּגערעדט."

און דאָס זיינען צער־פולע רייד, ערשט ביי דער דערשיינונג פון דעם דריטן נומער פון דער שריפט.

לאָמיר האָפן, חשובער יאָסל קאָהן, אַז איר וועט דאָך באַקומען די פאַרדינטע דערמוטיקונג, קאָאָפּעראַציע און הילף פון פריינט און קאָלעגן, וואָס וועט דער־הייבן אייער מוט און שטאַרקן אייערע הענט פאַר דעם קיום און המשך פון „אונדזער דור."

מיט וואַרעמען גרוס, פאַר דער רעדאַקציע פון „חשבון" — **י. פ.**

(זע אַרטיקל „ביי אונדז און ביי ליטין" בשייכות מיט דעם ענין. רעד.)

# „אונדזער קיום"

דער רעדאַקטאָר, ד"ר ל. קורלאַנד, האָט אַ געניטע האַנט און נאָך מער— אַ יידיש־זעעוודיק אויג לגבי יידישער קיומדיקייט; זעעוודיק טאַקע דערמיט, וואָס ער רעאַגירט אין זיין „מחודש לחודש" אויף אַקטועלע ענינים וואָס קומען פאָר אין יידישע ספערעס איבער דער גאַרער וועלט, סיי געזעלשאַפטלעך און סיי קולטורעל.

דער זשורנאַל „אונדזער קיום" קאָן בשום אופן ניט אָנגערופן ווערן (ווי מ'איז ביי אונדז געוואוינט) מיטן לגנאי־נאָמען זשורנאַליסטיק. סיי צוליב זיין

פאַרמאַט און סיי צוליב זיין ליטעראַרישן פּאַרנעם. ער דערשיינט רעגלמעסיק שוין אין זיין דריטן יאָרגאַנג פון זיין קיום און דינט געטריי הן אונדזער לשון יידיש און הן איר ליטעראַטור און קולטור.

אַט טראָגט אויף זיך דער נומער 20 דעם פייערלעכן צייכן פאַרן דיכטער יעקב גלאַטשטיין לכבוד זיין 65 יאָריקן יובל. אַט אַזאַ אויפמערק אין דער פּערי־אָדיק פון אונדזער יאושדיקער צייט, איז אַ דערהייבונג פאַרן פּאָעט און אַ סטימול וואָס דערמוטיקט אַלעמען. נאָך מער: די רעדאַקציע מעלדעט צו דער עפנט־לעכקייט, אַז דער נומער 21 וועט זיין דעדיקירט צום יובילאַר, דעם דיכטער איציק מאַנגער, וואָס איז אויך אַ בעל־יובל — אַ זעכציקער. און מסתמא וועלן זיך אַזוי־אַ ציען אַ סך נומערן, ווייל צווישן יידישע שרייבערס זיינען נאָך דאָ גענוג 60 און 65קער כן ירבו; און אַז אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל האַלט נאָך אינזינען צו האָבן — חוץ זיין שווערער מי פון לעבעדיק האַלטן אַ זשורנאַל— אויך דאָס באַלעבן דעם אַנדענק פון שרייבער־יובילאַרן, איז ער ווערט צו באַ־שריבן ווערן אין אַלע גאַזעטן.

אויך דאָס אָפּרופן זיך וועגן ביכער ווערט ניט פאַרנאַכלעסיקט.

די שרייבער משפחה אַרום „חשבון" רופט אויס צו אייך: לחיים!

קאָלעגע קורלאַנד: איר זענט ווערט אַ ספּעציעלן וויוואַט־אויפשפיל פאַר אייער פאַרמעכאַטאַנעוועו שרייבער און לייענער צו פּראַווען ליטעראַרישע שמחות פאַר לעבעדיקע און קערנדיקע שריפטשטעלער.

ס'איז פיל מער צום האַרצן ווי אַזכרות...

טאָ זאָל טאַקע זיין יעלה ויבוא — יובילאַרן!

---

## „אין טעג פון גערענגל", נייער בוך פון י. פרידלאַנד, שוין דערשינען

לאָס אַנדזשעלעס (איט"אַ לופט־פּאָסט) — אַ נייער בוך מיט אַ נאָוועלע און צאָל דערציילונגען פון דעם באַקאַנטן נאָוועליסט, י. פרידלאַנד, איז דאָ דערשינען אונטערן נאָמען: „אין טעג פון גערענגל."

דאָס בוך פון 252 זייטן האָט צוויי אָפּטיילונגען: 1) „אין טעג פון גערענגל", אַ נאָוועלע, און 2) „אונטער אַמעריקאַנער הימלען", גרעסערע און קלענערע דערציילונגען. דאָס איז דאָס פערטע בוך פון דעם זעלבן מחבר.

די נאָוועלע „אין טעג פון גערענגל" איז אין אַ גרויסער מאָס אַ המשך פון פרידלאַנדס נאָוועלע „אין יענע טעג", וואָס געפינט זיך אין זיין דריטן בוך „וואַנדערונגען און נסיונות." עס ווערט אין איר געשילדערט די ווייטערדיקע געשיכטע פון דעם רעוואָלוציאָנער יואל, זיין אַנטלויפן פון רוסלאַנד, זיינע וואַנדערונגען אין אייראָפּע און זיין לעבן אין אַמעריקע.

אין די דערציילונגען פון דער צווייטער אָפּטיילונג: „אונטער אַמעריקאַנער הימלען", ווערט געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, הויפּטזעכלעך אין קאַליפאָרניע. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן פון דעם י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט.

צו באַקומען אין ציק"אַ פאַרלאַג און ביים מחבר:

I. FRIEDLAND - 4375 Sunset Drive - Los Angeles 27, Calif.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין!

## מענדל עלקין ז״ל

מענדל עלקין איז געווען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער און ענערגישער מענטש, אַ זעלטנקייט אין אונדזער סביבה; אַ קולטור־עסקן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און ער תמיד געווען דאָס האַרץ און נשמה פון דאָס רוב יידישע קולטור אונטערנעמונגען. מענטשן וואָס זיינען געקומען מיט אים אין באַריר, ביי יעדע קולטור טעטיקייט, האָבן געמוזט פייערלעך היגעריסן ווערן פון זיין אומאויפהערלעכער התלהבות. ער איז תמיד געווען ניט נאָר אין דער ערשטער ריי, ביירערט ער איז געוואָרן די טרייב־קראַפט אין דער אַרבעט פון די אונטער־גענומענע פּראָיעקטן.

אין יאָר 1923 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. באַלד האָט ער געצויגן צו זיך אַ גרופּע טעאַטער־מענטשן, האָט געגרינדעט דעם „טעאַליט״; האָט אויפ־געפירט אַ צאָל פּיעסן און אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען.

עלקין ווערט דער הויפּט ביבליאָטעקאַר און אַרכיוויסט פון דעם ייוו״א. אונטער זיין אומדערשעפּלעכער ענערגיע איז די ייוו״א ביבליאָטעק געוואָרן איינע פון די גרעסטע יידישע ביבליאָטעקן און אַרכיוון וואָס מיר האָבן אין דער יידישער וועלט.

פאַר דעם יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס און פריינט פון ייוו״א איז עלקין געווען מער ווי אַ שליח. ער איז געווען צו אונדז אַלעמען ווי אַ נאָענטער חבר, ווי אַן אייגענער. ל.א. איז תמיד געווען אַ שטיץ־פּונקט פון דעם ייוו״א נאָך בימי ווילנע. אָבער מיט עלקינס קומען צו אונדז, כמעט יערלעך, איז אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו דאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באַשטענדיקער ייוו״א קאָמיטעט, וואָס טוט דאָ ייוו״א טעטיקייט כמעט אַ גאַנץ יאָר.

עלקין האָט זיך כמעט תמיד דאָ באַטייליקט אין די יערלעכע ייוו״א קאָנ־פערענצן און האָט באַהויכט די מסיבות מיט זיין פּערזענלעכן מאַגנעטיזם און באַגייסטערונג. זיין יוגנטלעכקייט, אפילו אין רייפער טיפער עלטער זיינע איז געווען אַ פּועל יוצא פון זיין אומאויפהערלעך, אַקטיוו, שעפעריש לעבן.

כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

## תלוש (איסר מוסעלעוויטש) ע״ה

מיט אַ פּאָר חדשים פאַר זיין פּטירה האָבן קאַלעגן און פריינט פון תלושן געפייערט זיין 75 יאָריקן יובל. תלוש האָט געלעבט אַ לענגערע צייט אין מיאַמי פלאָרידע. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איז ער ניט געווען אין בעסטן געזונט.

לויט זיינע אומצייליקע פאַרביקע דערציילונגען און זכרונות, איז ער געווען אין די יינגערע יאָרן אַ וואַגעבונד, אויסגעוואַנדערט אַ וועלט: רוסלאַנד, ליטע, עסטרייך, פּאַריז, איטאַליע, ארץ־ישראל און וואו ניט? זיינע וואונדערלעכע איבערלעבונגען האָט ער פאַרעקרפערט אין זיינע באַשרייבונגען, וואָס האָבן זיך געלייענט מיט גרויס אינטערעס. פריינט זיינע האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן, האָט ער ליידער ניט דערלעבט צו האָבן דעם נחת.

כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

**איידע מאַזע**, באַקאַנטע דיכטערין פון מאָנטרעאַל, איז געשטאָרבן דעם 4טן יוני ה.י. אין עלטער פון 69 יאָר. איידע מאַזע האָט געדרוקט אירע לידער אין „צוקונפט“, „חשבון“ און אַנדערע צייטשריפטן. זי האָט אַרויסגעגעבן 4 ביכער לידער. אויך געשריבן דערציילונגען. כבוד איר הייליקן אָנדענק.

**א. ש. שקאָלניקאָוו** ע״ה. — דער מלאך המות לאָזט אונדז ממש ניט אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם. אָט געפינען מיר אויס דורך דעם „קאַנאַדער אָדלער“ אַז אויך דער דיכטער א. ש. שקאָלניקאָוו איז שוין אויך ניט מער צווישן די לעבעדיקע. ער איז דער מחבר פון עטלעכע ביכער לידער. מלך ראַוויטש, אין זיין הספר אין „ק.א.“ ציטירט פון זיינע לעצטע לידער, וועלכע זיינען אַגב צום ערשטן מאָל געוועזן געדרוקט אין לעצטן נומער „חשבון“: „ניט קיין צוואה“ און „מיט ליידיקע הענט.“ אין די לידער זיינע האָט דער דיכטער שוין געהאַט די אינטואיציע פון דער ניט־דאַאיקייט... כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

# אָפּרופן פון קאָלעגן

זייער ליבער פריינט פרידלאַנד:

וואָס מאַכט איר? צווישן אַנדערן, שרייבט אונדז מנשה אונגער: די שריפטן דערהאַלטן. איך דאַנק אייך זייער. אַ גוטער נומער דער לעצטער (29) „חשבון“. גריסט אַלע מיינע גוטע פריינט.

אייער **מנשה אונגער**

ליבער י. פרידלאַנד:

אַ גרויסן, גרויסן יישר־כוח אייך פאַר די האַרציקע שורות אין „חשבון“ (נומ. 29) לכבוד מיין ווערן אַ בן־שבעים. אייער קאָמפּלימענט דער „פ.אַ.ש.“ פאַר אָפּגעבן דעם יובילייר אַזוי פיל אָרט, איז זיכער אַ פאַרדינטער. צווישן אַנ־דערן שרייבט א. אַלמי: — ס׳איז גוט צו וויסן, אַז אין לאָס אַנגעלעס איז דאָ אַזאַ פיינע יידישע פערלטל־יאָר שריפט „חשבון“, וואָס פאַרשוויגט ניט קיין עוולות און מאַנט חשבון. געשטאַרקט זאָלן ווערן אייערע הענט און די הענט פון די אַלע וואָס גרופּירן זיך אַרום אייער זשורנאַל און דערלאָזן ניט, אַז דאָס יידישע וואָרט זאָל חלילה פאַרשטומט ווערן אין אַזאַ גרויסן יידישן קיבוץ ווי אין קאַליפאָרניע.

מיט די בעסטע גרוסן און וואונטשן, אייער

**א. אַלמי**

חשובער פריינט מאַטעס דייטש:

כ׳האָב געלייענט מיט אינטערעס אייער פיינע עסיי: „די שותפות פון אַ פּאָעט מיט אַ פּראָזאַאיקער“ און האָב געטראַכט: אליעזר בלום האָט עס זיכער פאַרדינט צו באַקומען אייער לויב. וויפיל אונדזערע מחברים וואָלטן זיך געגרויסט מיט אַזאַ אינטימער, טיף דורכגעטראַכטער אָפּשאַצונג פון זייערע שאַפונגען!

מיט גרוס און גוטע וואונטשן, גאָר אויפריכטיק אייער,

**בערל סאַט**

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**יחיאל האָפּער: „אַ הויף אויף מוראַנאָוו"**
(מיינע וואַרשעווער היים) שטייגער ראָמאַן, דריט און פערט בוך; פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב. ביידע ביכער צוזאַמען האָבן 632 זייטן — 1962.

* * *

**ראָזע פּאַלאַטניק 13 דערציילונגען**
און אַ במקום הקדמה פון מחברין. אַרויסגעגעבן אין ריאָ דע זשאַניירא, בראַזיל, 1691.

* * *

**מאיר זימל טקאַטש: „מיין האָב און גאָב", געזאַמלטע פּערזן**
ערשטער באַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 253 זייטן, 1962.

* * *

**חיים פידערער מאַרגאַלים: לידער פון אַ פּליט**
אַרויסגעגעבן פון מחבר, ניו־יאָרק, 1961, הויפּט־פאַרקויף: ציק"א.

* * *

**א. מ. אַרזשיצער:**
**„די שטאָט מיט שמאָלע הימלען"**
נאָוועלן און דערציילונגען. פאַרלאַג „אייגענער", תל־אביב, ישראל, 1962.

* * *

**משה'לה לב: שנה למותו —**
אַ טרויעריקע דערמאָנונג (העברע־איש) אויף דעם פּלוצלונגען טויט פון זון פון באַוואוסטן דיכטער, אַברהם לעוו, אין ישראל; באַגלייט מיט אַ צאָל טרייסט־בריוו פון אָנגעזעענע העברע־אישע און יידישע דיכטער און שריפט־שטעלער, צום קלאָגע אַברהם לעוו און משפחה אויף זייער גרויסער אבדה.

* * *

**מן המערב: שנתון ספרותי**
אַרויסגעגעבן פון האוניברסיטה ללמודי היהדות, לוס אַנגעלס, קליפור־ניה, תשכ"ב.

* * *

**יהושע גרינהאָף:**
**„מיין מאַמעס שבת-ליכט"**
לידער און פּראָזע (זכרונות) אַרויס־געגעבן פון מחבר, ניו־יאָרק 1962.

* * *

**אַרבעטער רינג בויער און טוער**
יעפים ישורין, רעדאַקטאָר; י. ש. הערץ, מיטרעדאַקטאָר. מיט בילדער און ביאָגראַפיעס. אַלבאָם פאָרמאַט, 530 זייטן. אַרויסגעגעבן פון אַ. ר. בויער און טוער קאָמיטעט, 1962.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„קינדער צייטונג", „זיין", „אונדזער דור" (נ.י.), „אויפן שוועל", „אילוסט. בלעטער", „דער שפּיגל", „שריפטן", „אַרגענטינער ביימעלעך", „דווקא", „אונדזער דור" „די שטימע" „אייגנס" „די שטימע", „דער וועג", „פאָראויס", (מעקסיקע); „אונדזער וועג" (שיקאַגאָ) „היימיש", „פּראָבלעמען", „ידע עם" במה לפולקלור יהודי, „בליצן" (תל־אביב, ישראל).

---

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

איך לייען דעם „חשבון" מיט גרויס אינטערעס און געפין שטענדיק עפּעס גוטס אין אים. דער זשורנאַל האָט זיך בלי ספק שטאַרק פאַרבעסערט — און עס איז גוט צו וויסן, אַז אונדזערע שומרי החומה ביים פּאַסיפישן ברעג שטייען אויף דער וואַך פון מלכות־יידיש, און גייט אָן מיט דער וויכטיקער אַרבעט צו שרייבן און דרוקן גוטע ווערק אויף אונדזער מאַמע־לשון.

זייט געזונט און שטאַרק. גריסט אַלע גוטע פריינט און קאָלעגן.

אייער מיט די בעסטע ברכות, ל. פיינבערג

# 36 יאָריקער יובּילײ

פון

# לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן ייִדישן מענטשן אין אַ ייִדישער סביבה״

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, ה׳תשכ״ג — אָקטאָבער, 1962

## LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angele 29, Calif.

NOrmandy 4-9325

# באאמטע און אדמיניסטראציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב
## פון דעם יאר 1961-62

פרעזידענט:
י. פרידלאנד

וויצע־פרעזידענטן:
תנחום ברייס
יוסף וויינמאן
שלמה צוקערמאן
מיני שווארץ

פינאנץ־סעקרעטאר:
אייב שווארץ

פראטאקאל סעקרעטארן:
אלעק קאמינקער
יצחק סאפיאן

קאסירער:
מאריס ווינארסקי

הויז־פארוואלטער:
שלמה און צילע צוקערמאן

בריוו־פארוואלטער:
סעם און דארע לעווין

באאמטע פון היי־יאריקער אקציע:
שלמה צוקערמאן, פארזיצער
ש. בריינין, סעקרעטאר
סעם לעווין, רעקארדינג סעקר.

ביבליאטעקאר און ארכיוו:
נתן אזאלין

פובליסיטי:
י. טילעס
מאריס סילבערט

ענגליש פובליסיטי:
אהרן אייראף

קולטור קאמיסיע פארן 37טן זמן:
אליהו טענענהאלץ
ט. ברייס
ש. בריינין
י. סאפיאן
ס. לעווין
י. פרידלאנד און
בען צוקערמאן, פארזיצער

בינע פארוואלטערס:
שלמה צוקערמאן
אייב שווארץ

אקטיוו קאמיטעט:
ליובא בריינין
דארא לעווין
שרה ווינארסקי
מוסי פרידלאנד
חבר און חברה חיים דארנא
ראוז און ל. זעלמאן
אברהם באביטש
חבר פיעלד
אניוטא קאפעלאף
פעי סאפיאן

**שנת ברכה והצלחה**

צו אלע חברים און חברות, מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, מדינת ישראל, און כל ישראל אומעטום.

י. פרידלאנד, פרעזידענט
אייב שווארץ, סעקרעטאר

# 36 יאָריקער יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

דעם היינטיקן ראש השנה תשכ״ג, איז געוואָרן 36 יאָר זינט דער קולטור קלוב האָט זיך געגרינדעט. אוודאי איז גרינג אויסצורייד זעקס-און-דרייסיק יאָר! טראַכט מען זיך אָבער ערנסט אַריין וואָס עס מיינט זעקס-און-דרייסיק יאָר אחריות'פולע קולטור טעטיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאַציע ווי דער קולטור קלוב, קען מען דאַן פאַרשטיין מיט וויפיל אידעאַליזם, איבערגעבנקייט און ראַנגלעניש פאַרן קיום עס איז געווען פאַרבונדן, דורכצוטראָגן אַט-די זעקס-און-דרייסיק יאָר פון דעם קלובס גלאָררייכער עקזיסטענץ.

רעטראָספּעקטיוו זעען מיר, אַז במשך די 36 יאָר פון אונדזער אַקטיוויטעט דאָ אין שטאָט, האָבן מיר אויסגעפילט אַ באַשטימטן חלל אין היגן קולטור-לעבן. כ'מיין, וואָלט נישט געווען דאָ אַ יידישער קולטור קלוב פון דעם מין קאַטעגאָריע, וואָלט מען אַזעלכן זיכער באַדאַרפט באַשאַפן. אונדזער לאַנג-יאָריקער לעבן אוןווירקן איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם. מעשים זיינען שטאַרקער פון ווערטער: די אַרבעט וואָס דער קולטור קלוב טוט, וואָך איין וואָך אויס, פאַר די אַלע יאָרן און מיט אַ היפשן דערפאָלג, האָט שוין אַלעמען איבערצייגט די וויכטיקע ראָל וואָס דער קלוב פאַרנעמט אין היגן יידיש-יידישן קולטור סעקטאָר.

דער יידישער קולטור-קלוב איז, ראשית כל, אין זיין איינשטעל, אַן איבערפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע לעבט נישט אין דעם זכות פון אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, אַ פּאַרטיי אָדער אָרדן, און נעמט ניט, פאַרשטייט זיך, קיין פּאַרטיקע באַשלוסן פון אויבן, פון ערגעץ אַ צענטער אין ניו-יאָרק. און ווייל אונדזער פירערשאַפט איז פריי צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק, האָט טאַקע דער קלוב דעריבער מצליח געווען אויף דעם קולטור-געביט, הן אין איכות והן אין כמות.

ווען דער קולטור קלוב האָט געקענט דערוויזן, אַז יעדן שבת צונאַכטס זאָל אונטער דעם דאַך פון אונדזער אייגענעם בנין זיך צוזאַמענקומען אַ ליבער אינטעליגענטער עולם פון צווי ביז דריי הונדערט יידן, אין אַ ריין יידישער סביבה און יידישער אַטמאָספּערע, און זאַפּן אין זיך איין דאָס בעסטע פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, יידיש געזאַנג און אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט מיט יידישער שעפערישקייט — איז עס זיכער אַ מדרגה און אַ דערגרייכונג.

נאָך אַן אַספּעקט וואָס איז ווערט צו געדענקען: אַז דער יידישער קולטור-קלוב איז געבליבן געטריי צו זיינע קולטור אַספּיראַציעס און פּרינציפּן און האָט אויף אַ האָר נישט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסן אויפן חשבון פון יידיש לשון און יידישע קולטור. די מיטגלידער, וואָס קומען צו אונדז יעדן שבת-צונאַכטס און אַנדערע אָוונטן, באַטראַכטן דעם קולטור קלוב ווי זייער יידיש גייסטיקע היים; פּונקט ווי אַ פרומער ייד זיין בית-המדרש.

מען רעדט ביי אונדז אין די יידישע קרייזן מכוח דער וויכטיקייט פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך; לעת-עתה איז דער קלוב די איינציקע קולטור-אָרגאַניזאַציע דאָ אין שטאָט, וואָס אָפּערירט מיט אַ ביז גאָר היפשער צוריקקולירנדיקע יידישע ביבליאָטעק, וואָס שאַפט איין יעדן יאָר די נייעסטע דערשיינונגע ביכער און גיט אַרויס די ביכער צום לייענען צו אירע מיטגלידער און געסט. אויך דאָס זיינען מעשים, נישט סתם קיין ווערטער...

הגם דער קולטור קלוב געפינט זיך אין דעם ווייטן מערב — ל. א., איז ער אָבער ניט געבליבן קיין ווינקל־אָרגאַניזאַציע. מחמת דער קלוב, ווי אַ מיט־אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל „חשבון", איז אַריבער דעם גרעניץ פון לאָקאַ־ליזם; „חשבון" ווערט באַזונדער געשיקט בכל תפוצות ישראל און אַ גרויסע צאָל אין ישראל גופא.

דער זשורנאַל האָט זיך שוין געשאַפן אַן אָנגעזעענעם נאָמען אין דער ליטע־ראַרישער וועלט, סיי אין אויסזען און סיי אין תוכן. מיט דעם אנטייל פון אַזעלכע באַרימטע דיכטער, וואָס פון צייט צו צייט באַטייליקן זיי זיך מיט זייערע אָרי־גינעלע שאַפונגען, ווי: חיים גראַדע, מלך ראַוויטש, ל. פיינבערג, בעריש ווייַנ־שטיין, אַלף כץ, אַבא קליגער, ישראל עמיאָט, גלאַנץ־לעיעלעס, און אַנדערע. דער אָפּרוף פון דער פּרעסע, פון שרייבער און דיכטער, איז זייער אַ וואַרעמער און אַ ליובנסוועריטער. מיר האַלטן שוין ב"ה ביים 31טן נומער. אַוודאי זיינען מיר שטאָלץ, וואָס מיר ברענגען דער יידישער לאָס אַנגעלעס אַלע דריי חדשים אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דאָ אין שטאָט איז עס דאָס איינציקע פון דעם מין.

דער 36טער יובל פון קולטור־קלוב, וואָס מיר פייערן איצט, האָט צו פאַר־צייכענען דאָס יאָר, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, דורכגעפירטע 36 ליטעראַריש־קינסטלערישע שבת־צונאַכטסן, און 28 קולטורעלע מאַטינען, מיט לעקציעס און שמועסן, אונטער דער לייטונג פון אונדזער ליבן חבר, תנחום ברייס; אונדזער ביבליאָטעקאַר, חבר נתן אַזאַלין, האָט ווי תמיד, אויך דאָס יאָר, אונטער זיין השגחה, אָפּגעהיט אונדזער רייכע ביבליאָטעק; אונדזער ליבער חבר, אייב שוואַרץ, פינאַנץ־סעקרעטאַר, האָט געזאָרגט מיר זאָלן חלילה פינאַנציעל ניט בלייבן הינטערשטעליק. די הויז־פאַרוואַלטונג, פון אונדזערע געטרייע, איבערגעגעבענע חברים, צילי און שלמה צוקערמאַן, האָבן, ווי תמיד, דורכגעפירט זייערע פונק־ציעס בשלימות. די בריוו־פאַרוואַלטער, די חברים דאַרע און סעם לעווין, האָבן זייער אַחריות'פולע אַרבעט דורכגעפירט זייער פּינקטלעך. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די חברים אַקטיווע טוער ביי דער פאַרוואַלטונג פון קולטור־קלוב, אונדזער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, א. קאַמינקער, חברה מיני שוואַרץ, יוסף ווייַנמאַן, מאָריס און שרה ווינאַרסקי, יוסף שפּיגלמאַן, חבר און חברה ש. ברייַנין; די חברות: קאַפּעלאַף, פרידלאַנד און דאַרנאָ; חבר פילד, יצחק סאַפּיאַן, און אַ צאָל אַנדערע חברים, וואָס זיינען אין דעם אַקטיוו פון יידישן קולטור קלוב; און אַלע חברים און חברות, מיטגלידער און הונדערטער געסט, וועלכע האָבן מיט זייער וואַרעמער התלהבות פאַר אונדזער אַרבעט מעגלעך געמאַכט דעם אויפהאַלט און לעבן פון אונ־דזער וויכטיקער קולטור אינסטיטוציע — לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב.

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט

---

# לזכרון

פון אונדזערע מיטגלידער נפטרים ע"ה

תשי"ט - תשכ"ב:

**חבר גילים**
**חוה דראָזד**
**מרדכי פּאָגאָרעלסקי**
**משה לייב קאַפּעלאַף**

# משה לייב קאַפּעלאָף ע״ה לזכרון

לעצטן יאָר, אין חודש סעפּטעמבער, האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו פּייערן דעם טאָפּלטן יום־טוב: 70 יאָריקן געבוירנטאָג פון משה לייב קאַפּעלאָף און 35 יאָריקן עקזיסטענץ פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. ווער האָט עס דען געקאָנט טראַכטן, אַז היינט וועט אונדז אויסקומען צו שרייבן אַ נעקראָלאָג־אַרטיקל וועגן אונדזער ליבן חבר, משה לייבן.



די וועלכע האָבן ניט געהאַט די פּריווילעגיע מיטצואַרבעטן מיט קאַפּעלאָפן נאָענט, קענען עס אפשר אַזוי ניט אָפּשאַצן זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַלס געזעלשאַפטלעכער קולטור־עסקן, ווי די, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אים זייט ביי זייט פאַר אַ היפּשע צאָל יאָרן. במשך איבער דריי צענדליק יאָר איז קאַפּעלאָף געווען פאַרבונדן מיט דעם קולטור קלוב. זיין איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט און פירונג האָט גאָר אַ סך משפּיע געווען אויפן גאַנג און גאַנצקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געוואונען דעם פולסטן צוטרויען און דרך־ארץ צו זיך פון יעדן מיטגליד, און בכלל פון די מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַריר. זיין וואַרעמע באַציאונג און פריינדשאַפט צו אַלעמען, האָט ער אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען אַט־די שטאַרקע צוגעבונדנקייט פון דעם רוב מיטגלידער צום קולטור קלוב.

אַ דאַנק קאַפּעלאָפס תכליתדיקן קוק און פּראַקטישן שכל האָט ער דערפירט דעם קולטור קלוב צו אַ מצב, ניט צו האָבן אויף דעם בנין אונדזערן קיין מאָרטגעדזשעס (וואָס דאָס איז אַ זעלטנקייט ביי יידישע קולטור אָרג.) און בכלל ניט דאַרפן זאָרגן „וואו נעמט מען אויף שבת?״! אַזאַ פירנדע דינאַמישע פּערזענלעכקייט, ווי ס'איז געווען משה לייב, איז באמת אַ חד במינו אין אונדזער יידיש־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דעריבער איז דער פאַרלוסט פון משה לייבן פאַר דעם יידישן קולטור קלוב אַ גאָר גרויסער.

אין ניו־יאָרק, איידער קאַפּעלאָף איז געקומען קיין ל. א., בערך מיט אַ דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר צוריק, איז ער געווען דאָרטן אַן אַקטיווער טוער אין די שלום־עליכם שולן, אין אַרבעטער רינג און אַנדערע קולטור געזעלשאַפטן.

דאָ אין ל. א. האָט ער אויך אָנגעהערט צום אַרב. רינג בר. 605; ביים פּרץ הירשביין צווייג פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד איז ער געווען פאַרזיצער עטלעכע יאָר, און צו יענער צייט האָט ער אַ סך משפּיע געווען אויף אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פון קולטור קלוב זיך אָנצושליסן אין דעם צווייג. דער פּרץ הירשביין צווייג איז טאַקע דאַן געוואָרן איינער פון די גרעסטע צווייגן אין פאַרבאַנד.

צו משה לייבס פּטירה, האָט לייבוש לעהרער, באַקאַנטער יידישער געלערנטער, מיט וועמען קאַפּעלאָף איז געווען באַפריינדעט און מיטגעאַרבעט מיט אים אין די שלום עליכם שולן, האָט צוגעשיקט אַ הספּד צו די שלושים, וואָס האָט זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט קאַפּעלאָפן:

„ער איז געווען — האָט לעהרער געשריבן צווישן אַנדערן — אַ דינאַמישער מענטש, וואָס האָט מיט זיין אימפּעט געדריט אַ סך מענטשלעכע רעדער

אַרום זיך; גאָט האָט אים באַשאַנקען מיט אַ פאַרליבטער איבערגעבנקייט צו די טעטיקייטן מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרנומען.

„מיר האָבן אַ סך אין אונדזערע קרייזן, וואָס צווינגען צו פליען מיט פאַר־מאַכטע אויגן. משה לייב איז ניט געווען פאַרליבט אין בלינדקייט. פאַר אינסטי־טוציעס, וואו ער איז געקומען מיט זיין גאַנג, איז ער געווען קעגן דעם בלינדן פלי!"

דער שרייבער פון די שורות האָט מיט משה לייבן מיטגעאַרבעט איבער דריי צענדליק יאָר, אין דער פולסטער האַרמאָניע און פאַרשטענדעניס, און דאָס האָט געמיינט זייער אַ סך פאַר דעם לעבן און גאַנצקייט פון אונדזער קולטור קלוב.

יאָ, משה לייב, מיט זיין פייערלעכן ענטוזיאַזם און דינאַמישן טעמפּעראַ־מענט, איז אָבער געווען ווייט פון סתם פליען אין די הימלען! ער איז געווען אַ מענטש פון תכלית און קלאָרער וויזיע.

צו אונדזער אַלעמענס גרויסן באַדויער איז משה לייב צו פרי פון אונדז אַרויס־געריסן געוואָרן. ער וואָלט נאָך געקאָנט פיל ביישטייערן צו אונדזער יידיש־יידישער קולטור סביבה.

כבוד זיי זלויטערן אָנדענק.

י. פ.

## פאַרדינסטפולע טוער ביים קולטור קלוב פון לעצטן זמן

וועגן די פאָלגנדיקע חברים און חברות, וועלכע שטעלן צוזאַמען די לייטונג פון קלוב, וואָלט מען געקאָנט פאַר יעדן פון זיי אָנשרייבן אַ באַזונדער פאַרדינסט־פולן קאַפּיטל. מיר טוען עס ניט צוליב כמה וכמה טעמים. מירן אָבער בקיצור דאָ דערמאָנען די נעמען פון די טוער און זייערע פונקציעס ביים קולטור־קלוב פון לעצטן זמן.

ראשית כל, אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר, חבר **אייב שוואַרץ**, וועלכער האָט איבערגענומען דעם אחריותפולן אַמט תיכף נאָך דער פטירה פון משה לייב קאַפּעלאָף ע"ה, טוט זיין אַרבעט קאָרעקט און בשלימות. חבר **ט. בריס**, חוץ וויצע־פאַרזיצער פון קלוב, איז ער דער לייטער פון די קולטורעלע מאַנטיקן און אויך אין דער קולטור קאָמיסיע. חברה **מיני שוואַרץ** איז לעצטן זמן געווען אַ וויצע־פאַרזיצערין און אַן אַקטיווע טוערין אין דער קולטור קאָמיסיע. **שלמה צוקערמאַן**, חוץ פאַרזיצער פון היי־יאָריקן „קאַמפּיין", איז ער ניט נאָר אַליין אַ באַדייטנדער ביישטייערער, נאָר שאַפט יעדן יאָר גרעסערע סומען צו דעקן דעם בודזשעט פון קלוב.

**יוסף וויינמאַן** איז אַן אָנפירנדער חבר אין דער לייטונג פון קלוב, און האָט היי־יאָר, חוץ זיין אייגענעם גרויסן ביישטייער, האָט ער אויך געשאַפן אַ גאָר היפשע סומע פאַר דעם בודזשעט פון קלוב. **ש. ברײנין** איז היי־יאָר געווען דער פינאַנץ סעקרעטאַר פון קאַמפּיין און האָט לויט זיין פינאַנץ־באַריכט איבער־געשטיגן די סומען פון די פריערדיקע יערלעכע אַקציעס. **סעם לעווין** איז געווען דער רעק. סעקרעטאַר פון דער אַקציע. ביידע סעקרעטאַרן זיינען לאַנג־יאָריקע מיטגלידער פון קלוב. (**סעם** און **דאָרע לעווין** זיינען אויך די בריוו־פאַרוואַלטער; שיקן אַרויס די וועכנטלעכע מעלדונגען צו די שבת־צונאַכטסטן).

ציליע און שלמה צוקערמאַן זיינען די אַקטיווע פּאַרוואַלטער פון קלובס באַלעבאַטישקייטן. אַלעק קאַמינקער איז פאַר עטלעכע יאָר געווען דער רעק. רעקר. פון קלוב (די צייט וואָס ער איז געווען אין ישראל, איז אונדזער תשובער חבר, יצחק סאַפּיאַן, געווען זיין ממלא מקום). חבר און חברה סאַפּיאַן זיינען אַקטיווע טוער ביים אַקטיוו פון קלוב. משה ווינאַרסקי, קאַסירער פון קלוב. נתן אזאַלין איז אונדזער לאַנג-יאָריקער געטרייער ביבליאָטעקאַר.

אין דער קולטור קאָמיסיע פון לעצטן זמן האָבן פונקציאָנירט: י. פרידלאַנד, פּאַרזיצער, און די חברים: ט. ברייס, מיני שוואַרץ, יוסף וויינמאַן, שלמה צוקער-מאַן, און ש. בריינין. אין דעם אַקטיוו פון קלוב האָבן זיך באַטייליקט די חברים און חברות: שרה באַשע און חיים דאַרנאַ, שרה ווינאַרסקי, דזשעני וויינמאַן, אַניוטאַ קאַפּעלאַף; חבר י. פילד, אהרן און גאַסי אייראַף, מיני און בען צוקערמאַן, ראָוז און לואיס זעלמאַן, פעני לעווין, אַנאַ און פייוול לערנער, מוסי פרידלאַנד; דאַרע לעווין, יוסף און גאַסי שפּיגלמאַן, מ. און מאַני פּאַרבער, יעקב און אידיט ניומאַן, חברות טילי ברייס און קאַמינקער.

אָט-די אַלע דערמאַנטע, צוזאַמען מיט די באַאַמטע, האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם אַקטיוו און אַפּאַראַט פון ל. א. יידישן קולטור קלוב פאַר דעם יאָר 62-1961. ווילן מיר דאָ אויסדריקן צו זיי אַלעמען אונדזער וואַרעמע אָפּשאַצונג און אָנער-קענונג.

מיט קולטור גרוס און וואונטשן פון כל טוב,

**י. פרידלאַנד**, פּרעזידענט

## אליהו טענענהאָלץ מיט דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב

אליהו טענענהאָלץ, באַוואוסטער בינע און פילם-קינסטלער, נאָך אַן אָפּוועזנ-קייט פון קולטור-קלוב פאַר אַ צאָל יאָרן, איז אויף דער פריינדלעכער איינלאַדונג פון קולטור קלוב צוריקגעקומען צו זיך אַהיים — צום יידישן קולטור קלוב, וועלכן ער האָט מיט אַ 36 יאָר צוריק געגרינדעט.

אַוודאי איז דער קלוב דאָן, פון כמעט אַ משפחה קרייז, במשך די 36 יאָר אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער תשובער קולטור-געזעלשאַפט פון אַ נאַציאָנאַלן אָנזען און אָנערקענונג.

טענענהאָלץ איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן פון דער לייטונג פון יידישן קולטור קלוב און ער איז תיכף פאַרבעטן געוואָרן צו זיין אין דעם ניי-דערוויילטן קולטור און פּראָגראַם קאָמיטעט, וואָס וועט אָנפירן מיט די פּלאַנירטע ליטעראַרישע, קינסטלערישע, מוזיקאַלישע און דראַמאַטיש-טעאַטראַלע אָוונטן, פאַר דעם נייעם 37טן זמן פון קולטור-קלוב.

מיט טענענהאָלצ'ס אָנטייל אין אָרגאַניזיר-אַרבעט און די שבת-צונאַכטסן האָפן מיר צו דערהייבן די אָוונטן צו אַ קינסטלערישער הויך.

דער קולטור און פּראָגראַם קאָמיטעט פון קלוב פאַר דעם נייעם זמן באַ-שטייט פון די פאָלגנדיקע חברים:

**אליהו טענענהאָלץ, ט. ברייס, ש. בריינין, יצחק סאַפּיאַן, סעם לעווין, י. פרידלאַנד, און בען צוקערמאַן, פּאַרזיצער פון קאָמיטעט.**

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטסן
## פון 36־טן זמן 1961-62, פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

— 1961 —

א) שבת, דעם 22טן סעפּטעמבער, איז געפּייערט געוואָרן דער 70 יאָריקער יובל פון משה לייב קאַפּעלאַף ע"ה, און דער 35 יאָריקער עקזיסטענץ פון קולטור קלוב. אין דער פּראָגראַם פון דער פּייערונג האָבן זיך באַטייליקט: נתן קאַצמאַן, בעל מנגן; אירווינג ריסקין, פּיאַנאָ; חיים אָסטראָווסקי, יידיש־העברעאישער שוישפּילער, פאַרלייענונג. באַגריסונגס רעדע פון פאַר־זיצער פון דער פּייערונג, י. פרידלאַנד; פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, דזשעק קאַהאַן; פון די אַרב. רינג שולן, ש. גורעצקי; פון די שרייבער, ה. לאַנג; פון ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, ד"ר דוד בידזשער; פון קולטור קלוב, בען צוקערמאַן; יוסף פאָגעל; און אַ לענגערע אָפּשאַצונג צוגעשיקט פון ניו־יאָרק פון דעם געלערנטן און שריפטשטעלער, לייבוש לעהרער.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 7 — האָט דער קולטור קלוב דערוויילט זיינע באַאַמטע. אין פּראָגראַם פון אָוונט: סאַשע דאַטסקע, פידל קינסטלער; עסטעלאַ מאַרלאָו יידישע פאָלקס־זינגערין; פּיאַנאָ, שעגאַן גילסאַן; פאַרלייענונג' סילוויע בעק.

ג) שבת, אָקטאָבער 21 — האָט דער חשובער שריפטשטעלער, אַברהם ליס, גאַסט פון ישראל' געהאַלטן אַ רעפעראַט: „יידיש קינסטלערישע ליטעראַטור אין ישראל". מאַטעס דייטש, באַקאַנטער דיכטער, האָט באַגריסט דעם דיכ־טער אין נאָמען פון פע"ן קלוב און „חשבון". פאָרז. פון אָוונט, י. פרידלאַנד.

ד) שבת, אָקטאָבער 28 — אַ ליטעראַטור אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פונם טאָפּל־נומער (27-26) „חשבון". ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סימפּאָזיום איבער דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטור. אנטיילנעמער: הערי לאַנג, זלמן זילבערצווייג, און י. פרידלאַנד, נאַראַטאָר.

ה) שבת, נאָוועמבער 4 — אַן אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער י. י. טרונק. ס. נוטקעוויטש האָט רעפערירט וועגן טרונקס פּערזענלעכקייט און זיינע שאַפונגען. אברהם זיגלבוים, באַקאַנטער קינסט־לער' האָט פאָרגעלייענט פון טרונקס ליטעראַרישע פּערל.

ו) שבת, נאָוו. 4 — געדענק־אָוונט נאָך יוסף חיים ברענער. ד"ר חיים ראַטבלאַט האָט רעפערירט און חיים אָסטראָווסקי האָט פאָרגעלייענט פון ברענערס שאַפונגען.

ז) שבת, נאָוו. 18 — סימפּאָזיום וועגן אייכמאַן פּראָצעס. ס'האָבן אייגנטייל גע־נומען: ה. לאַנג, נייטן גאָרעוויטש; י. פרידלאַנד, נאַראַטאָר.

ח) שבת, נאָוו. 25 — אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון א. באַביטשעס בוך זכרונות, איינגעאָרדנט פון קלוב און בוך קאָמיטעט. איינטיילנעמער: פייגעלע פּאָניטץ און א. טענענהאָלץ. באַגריסונגען פון קולט. קלוב, י. פרידלאַנד; פון בוך־קאָמיטעט' מאָריס דייטש און י. איזגור; משה כהן, פאָרזיצער.

ט) שבת, דעם 2טן דעצעמבער — האָט רבי ווײַנשטיין רעפּערירט וועגן אַ בוך און מרדכי מײַזל האָט פּאַרגעלייענט פון ייִדישן פאָלקלאָר.

י) שבת, דעצ. 9 — אַ חנוכה פייערונג, מיט דעם אָנטייל פון פאַרלייענונגען: פּערל פעדער, חנה סוירלעס, מאַטעס דייטש, פינטשע בערמאַן, חיים אָסט־ראָווסקי מיט אַ שלום עליכם פאַרלייענונג; חבר קאַמינקער האָט אָנגעפירט מיט געזאַנג; י. פרידלאַנד האָט גערעדט וועגן דעם יום־טוב חנוכה.

יא) שבת׳ דעצ. 16 — שמערקע קאַטשערגינסקי געדענק־אָוונט. ס. נוטקעוויטש האָט רעפּערירט וועגן קאַטשערגינסקי — מענטש, קעמפער, דיכטער. טיאַנאַ טאַמאַראַ — מיט געזאַנג פון קאַטשערגינסקיס לידער; י. פרידלאַנד מיט ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון קאַטשערגינסקי.

יב) שבת, דעצ. 23 — האָט ד״ר חיים פּאָמעראַנץ, באַקאַנטער ייִדישער געלערנ־טער פון שיקאַגאָ, רעפּערירט וועגן מאָריס ראָזענפעלד צו זײַן 100 יאָריקן געבוירנטאָג. דיכטערין פּעסי הירשפעלד האָט פאָרגעטראָגן פון אירע לידער.

— 1962 —

יג) שבת, דעם 6טן יאַנואַר — 5טער געדענק־אָוונט פון א. לוצקי ע״ה. מאַטעס דייטש האָט רעפּערירט וועג לוצקיס שאַפונגען; בערניס אַשדאַן האָט געזונ־גען לוצקיס לידער. י. פרידלאַנד מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון לוצקיס ווערק און געלייענט לוצקיס לידער.

יד) שבת, יאַנואַר 13 — אַ יערלעכע גענעראַלע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער־שאַפט פון קלוב. שמועסן וועגן קולטור ענינים און מצב פון קולטור קלוב.

טו) שבת׳ יאַנואַר 20 — ליטעראַטור אָוונט און וואָרט קאָנצערט לכבוד דעם אויסטייל פון דער צווייטער ליטעראַטור פּרעמיע פון פרידלאַנד ליט. פאָנד. אין פּראָגראַם פון אָוונט האָבן אָנטייל גענומען: אברהם זיגלבוים, באַקאַנטער קינסטלער האָט פאַרגעלייענט און האָט פאַרטראָטן יחיאל האָפער, דעם געווינער פאַר זײַן עסיי, און די דיכטערין מלכה טוזמאַן האָט פאַרטראָטן דעם געווינער אליעזר בלום פאַר זײַן דערציילונג. עס זײַנען געלייענט גע־לייענט געוואָרן באַגריסונגען פון קולטור קאָנגרעס, פון פּע״ן קלוב אין נ.י. פון קולטור קלוב האָט באַגריסט חבר בריס. וועגן די שאַפונגען פון די פּרעמיע־געווינער האָבן רעפּערירט די קאָלעגן פו ןדער זשורי: מאַטעס דייטש און יחזקאל בראָנשטיין. דער בעל הפּרעמיע האָט אויסגעטיילט די פּרעמיעס מיט אַ שלוס־וואָרט. דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט איז געווען דער דיכטער פינטשע בערמאַן.

טז) שבת, יאַנואַר 27 — האָט ש. גורעצקי רעפּערירט וועגן ייִדישע און קלאַסישע מוזיק, און די טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין, לאה גורעצקי, האָט אילוסטרריט דעם רעפעראַט מיט פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציעס.

יז) שבת, דעם 3טן פעברואַר — איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שלושים־אָוונט און דערמאָנונג פון משה לייב קאָפּעלאָף, לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון קולטור קלוב. מיט הספּדים זײַנען אויפגעטראָטן: זלמן זילבערצוויג, חיים שאַפּיראָ, מאיר ווײַנטרויב. בען צוקערמאַן, ש. ברייניך; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונג. די הזכרה איז געווען אונטערן פאָרזיץ פון י. פ.

(שבת, פעב. 10—צוליב אַ גרויסן שלאַקס־רעגן איז דער פּלאַנירטער אָוונט ניט דורכגעפירט געוואָרן).

יח) שבת, פעברואַר 17—איז דורכגעפירט געוואָרן דער יערלעכער ייוו״א אָוונט פון קולטור קלוב. פּראָפ. משה ליבמאַן האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „ישראל, ווי איך האָב זי אָבסערווירט״

כ) שבת, פעב. 24—אַן אָוונט פון יידישער נגינה, מיט דעם באַקאַנטן קאַנטאָר אורי פרענקל. פאָלקס און ליטורגישע געזאַנגען. פּיאַנאָ באַגלייטונג, ליליען קלעס; פאָרלייענונג פון סילוויע בעק.

כא) שבת, דעם 3טן מערץ—פּרץ הירשביין געדענק־אָוונט, מיט דער באַטייליקונג פון אליהו טענענהאָלץ, אַניטאַ פריינדליך, אין דער טעאַטראַלישער טייל. יעקב קאַץ, גאַסט פון שיקאַגאָ, רעפערירט וועגן הירשביינס שאַפונגען.

כב) שבת, מערץ 10—גדאַל זאַלעסקי, באַקאַנטער טשעליסט, אין אַ פּראָגראַם פון יידישע און קלאַסישע מוזיק. חיים אָסטראָווסקי אין פאָרלייענונגען; שענאַן גילסאָן, פּיאַנאָ באַגלייטונג.

כג) שבת, מערץ 17—אַ כאָראַלער אָוונט מיט ש. בראַודאָ, דיריגענט, מיט אַ פּראָגראַם פון יידישע פאָלקס־לידער.

כד) שבת, מערץ 24—פּורים אָוונט. פאָרלייענונגען פון חברים, און דער אַרטיסט ליאָ איירוס, מיט געזאַנג און אימפּראָוויזאַציעס.

כה) שבת, מערץ 31—אַ ליטעראַטור אָוונט צו דער דערשיינונג פון דעם 100טן בוך ביים י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב. שמואל סיגעל האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „די פרייד פון סיום און המשך״; אברהם זיגעלבוים האָט פאָרגעלייענט. י. פרידלאַנד האָט גערעדט וועגן „יידיש דאָ און אין ישראל.״

כו) שבת, דעם 7טן אַפּריל—יערלעכער י. ל. פּרץ אָוונט. אליעזר דארין האָט רעפערירט וועגן פּרץ׳ס שאַפונגען. יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט פון פּרץ׳ס זאַכן.

כז) שבת, אַפּריל 14—אַ וואָרט און געזאַנג קאָנצערט מיט דעם באַקאַנטן בעל מנגן און פאָלקס־זינגער, שמואל קעלעמער. דער פּרעזידענט פון קלוב האָט גערעדט וועגן דעם מצב פון קלוב צו דער דערעפענונג פון דער יערלעכער אַקציע לטובת דעם קולטור קלוב.

כח) שבת, אַפּריל 21—דער טראַדיציאָנעלער פסח אָוונט ביים קלוב. מ. פּאַגל האָט גערעדט וועגן יום־טוב פסח. דער קינסטלער י. רויטבלום האָט דורכגעפירט י. ל. פּרץ׳ס „דער קונצן־מאַכער״ מיט אַ גרופּע אין וועלכעס ס׳האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויפפירונג: מאַטעס דייטש, י. סאָפּיאַן, שרה טייטלבוים, י. פ. און י. רויטבלום. אויך פּאַסיקע פאָרלייענונגען פון ליטעראַטור.

כט) שבת, אַפּריל 28—אַ סימפּאָזיום איבער אַ צייטיקער פּראָבלעם: „די חשיבות פון יידיש ווי דער תוך און יסוד פון יידישן המשך.״ באַטייליקטע: ס. נוטקעוויטש, ד״ר חיים ראָטבלאַט, און י. פרידלאַנד, נאָראַטאָר.

ל) שבת, דעם 5טן מאַי—אַ ה. רויזענבלאַט געדענק־אָוונט. ס׳האָבן זיך באַטייליקט: מאַטעס דייטש, רעפערירט וועגן ה. רויזענבלאַט; אברהם זיגעלבוים האָט פאָרגעלייענט אַ ציקל פון רויזענבלאַטס לידער. י. פרידלאַנד האָט גערעדט וועגן ה. רויזענבלאַט, דעם קולטור־עסקן, דיכטער און ערשטער רעדאַקטאָר פון „חשבון״.

לא) שבת, מאַי 12—יום העצמאות פייערונג. משה כהן האָט גערעדט וועגן ישראל. י. פּ. האָט געלייענט די ישראל דעקלאַראַציע. אַ נייער ישראל פילם איז געוויזן געוואָרן.

לב) שבת, מאַי 19—צום יערלעכן שלום עליכם אָוונט איז אויפגעפירט, דער בינע און פילם קינסטלער, אליהו טענענהאָלץ, מיט פאָרלייענונגען, און אליעזר דאָרין מיט אַ רעפעראַט וועגן שלום עליכם.

לג) שבת, מאַי 26—אָוונט פון פאָלקלאָר און געזאַנג, מיט סאָפיע בערגער אין פאָלקס־לידער; שענאָן געלסין, פיאַנאָ, און דער דיכטער פינטשע בערמאַן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער קראַפט פון קולטור אין לעבן פון מענשטן.

לד) שבת, דעם 2טן יוני—דורכגעפירט אַן הזכרה צו די שלושים פון מענדל עלקין. ס׳האָבן זיך באַטייליקט: חיים שאַפּירא, דער שוישפּילער סניעגאָוו; יעקב ניומאַן; פּיאַניסטין לאה גורעצקי, און דער פּאָרזיצער פון דער הזכרה מיט אַ הספר נאָך דעם חשובן נפטר.

לה) זונטיק, דעם 3טן יוני—איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערלעכער קבלת פנים לכבוד אונדזער חשובן אַקטיוון מיטגליד, יוסף וויינמאַן, זיין פרוי און חברה באָום, צו זייער צוריקקער פון ישראל. דער אָוונט איז געעפנט געוואָרן פון פּרעזידענט פון קלוב מיט אַן אויספירלעכן אָפּשאַץ פון יוסף וויינמאַנס אַקטיוויטעט אין קלוב און אין היגן יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. באַגריסונגען פון די חברים: שלמה צוקערמאַן, אייב שוואַרץ, ש. ברייניןֿ, אַניוטאַ קאַפּעלאַף; יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט, און די זינגערין גיטעלע באַראָן מיט אַ ציקל פאָלקס־לידער. וויינמאַן האָט געבראַכט אַ זאַכלעכן באַריכט פון זיין רייזע און איינדרוקן פון ישראל. אויך די חברות זשעני וויינמאַן און באָום—מיט קורצע באַריכטן.

לו) שבת, דעם 9טן יוני—טראַדיציאָנעלער שבועות אָוונט מיט אַ גאָר פיינער פּראָגראַם. ד״ר דוד ברידזשער האָט רעפערירט וועגן יום־טוב שבועות. קאַנטאָר נתן קאַצמאַן האָט פאָרגעטראָגן אַ צאָל פיינע פאָלקס־לידער, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון אירווינג דיסקין. שרה טייטלבוים און משה מאַנדלבוים האָבן דורכגעפירט אַ דיאַלאָג פון שלום עליכמס „מילכיקס.״

לז) שבת אָוונט, דעם 16טן יוני—אָפּשלוס פון 36טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. ביים סיום הזמן איז אויפגעטראָטן דער באַרימטער דיכטער חיים גראַדע מיט אַ רעפעראַט וועגן „שיר השירים״. יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט גראַדעס אַ קאַפּיטל פון „מאַמעס שבתים.״ לאה גורעצקי, באַקאַנטע פּיאַנאָ קאָנצערטיסטין, האָט פאָרגעטראָגן אַ צאָל קלאַסישע און חסידישע קאָמפּאָזיציעס. דער פאָרזיצער י. פרידלאַנד האָט אין זיין אַריינפיר פונעם אָוונט גערעדט וועגן די 36 יאָר יידישער קולטור קלוב און האָט פאָרגעשטעלט דעם חשובן גאַסט, חיים גראַדע. אַן עולם פון קרוב צו 300 איז געקומען צום 36טן סיום הזמן און הערן דעם רעפעראַט פון חיים גראַדע.

* * *

# א דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק און אַנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור־קלוב, פאַר זייער באמת וואַרעמער קאָאָפּעראַציע און ביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז טיילוויז צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואָס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

**פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

## ב ײ ש ט ײ ע ר ו נ ג ע ן

**$250.00**

יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן

**$150.00**

יוסף און דזשעני וויינמאַן
שלמה און צילע צוקערמאַן

**$125.00**

יצחק און מוסי פרידלאַנד

**$100.00**

חבר מאַקס סינגמאַן
מאָריס און שרה ווינאָרסקי
מאָריס און מאַניע פּאַרבער
שמואל און ליובע בריינין
חבר און חברה עליק קאַרסאַן
יעקב און אידיט ביומאַן
אַניוטאַ קאַפּעלאָף

**$75.00**

ראָוז און לואיס זעלמאַן

**$70.00**

חיים און שרה בתיה דאַרנאָ

**$65.00**

מיני און אייב שוואַרץ

**$50.00**

פעי און יצחק סאַפּיאַן
חבר און חברה ה. ראַטבלאַט
2410 גאַטרי קאָורט
חבר העררי גאָלד
אהרן און גאָסי אייעראָף
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חברה פעני לעווין

## רשימה פון באַטייליקטע אין די קולטור מאָנטיקן פון דעם 36־טן זמן 1961-62 מיט איינלייטונגען און רעפעראַטן איבער ליט. קולטור געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען

לילקע מייזנער, בען צוקערמאַן, ד״ר וויסמאַן, יעקב ראַשעל, דאָרע שולנער, שייע שאַכמאַטאָוו, זלמן שלאָסער, חברה וויסמאַן, לייזער מעלצער (2), (2), אהרן אייעראָף, משה פילבערט (2), תנחום ברייס, ד״ר סימקין, י. פרידלאַנד, אהרן אייעראָוו, משה סילבערט (2), תנחום ברייס, ד״ר סימקין, י. פרידלאַנד, נתן גאָרעוויטש, נתן אזאָלין (2).

## $40.00

מערי און י. ליוואַק

## $35.00

מאיר און גאָלדע דראַזד
חבר און חברה א. קאַמינקער

## $30.00

חבר און חברה ה. שטערנפעלד
ד"ר און חברה ווייסמאַן

## $25.00

ראָוז באָלאַט
דאָרע און סעם לעווין
אַנאַ און פיליפ לערנער
חברה גיליס (אין אנדענק פון מיין ליבן מאַן, ס. גיליס)
חבר י. פילד
נ. קאַנאַווסקי
חבר און חברה בען סאָלאָמאַן
חבר און חברה ישראל פריינד
מאָריס קאַפּלאַן
חייקע און א. באַנק
טילי און ט. ברייס
חברה רעגינאַ זייד
ליליען האָראָוויץ
מאַלי ראָזענבלאַט
מיני באָום
פּרץ הירשביין צווייג 352 פאַרבאַנד
אַרבעטער רינג צווייג 605
טשאַרלס העקען
נתן אַזאַלין
חברה סאָפיע שוואַרגער
מ. גאַלאַנט

## $15.00

חבר און חברה סאול אדעס
מיני און בען צוקערמאַן
חבר און חברה אירווינג מאַן
הערי און ראָוז שטראַסבערג
ל. טאַבאָרט
הערי אָרעק
מייק און עטל רומאַק

א. באַביטש
חבר און חברה מאיר לעדערמאַן
חבר און חברה דזשעק קאַהאַן
מיינע האַרציקסטע ברכות דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב
ביילע און סאָול ראַבינאָוויטש

## $10.00

חבר און חברה קעסעלמאַן
חברה שטורעם
(אין אַנדענק פון מיין ליבן מאַן)
ס. שפּיגעלמאַן
היימען אייבראַמס
מאַקס היימאַן
דוד און סיידע ווינער
העלען כראַבלאָוו
אליעזר און מרים מעלצער
יצחק ניומאַן
פינטשע בערמאַן
י. ראָזענבערג
י. ערלין
הערי שולמאַן
מאיר קאַטץ
י. גרינשפּאַן
סאָפיע און בען ווילנער
ק. בערמאַן
עלאַ ביירנס
סימאַן קליף
נ. סקאַקאַווסקי
ליזע און ווילי שאַר
סאַראַ פאַגאַרעלסקי
ראָבערט און פּערל טעמפּער
מאָריס און רות דייטש
חבר י. ווייסשטיין
חברה ביילים
חבר און חברה סעם פריד
חבר און חברה סעם שאַרף
חבר און חברה אשר קיפּניס
חבר און חברה פּערלאָוו
חבר און חברה פּאַרבאַוויטש
„אויפבוי" גרופּע, ל. א.
חבר און חברה הערי אייבראַמס
חברה שטורם
(אין אנדענק פון מיין ליבן מאַן)
חברה אידע פייעס
(אין אַנדענק פון מיין ליבן מאַן)

$5.00

גאָסי סאַרטאָ
חברה איידע פּייעס
חבר און חברה גימפּלין
סיליע פּיין
ח. ל. מיללער
ש. בראָדע
י. מירענסקי
י. מיללער
מיניע ראַפּאַפּאָרט
י. רעימאַר (ריינער)
מרס. געלסין
מר. און מרס. גראַנדאַ
ישראל און ביילקע בלום
דאָראַ ריווולין

אַל. דיכטער
פּיליפּ בראָודע
ד. גליקמאַן
אַלעקס ראַבין
חנה קאַלאָף
איידאַ ראָזען
רעגינאַ מאַנסאָן
אָשר קיפּניס
מאָריס באָרענשטיין
מאָריס סילבערט
חבר און חברה חיים באַרקאַן
י. בערקון
י. קאַמסקי
חבר און חברה י. פּאַלמער

---

## „אויפבוי" גרופּע פּועלי ציון
## באַגריסט דעם קולטור קלוב צום 37-טן זמן

אונדזער גרופּע עלטערט זיך אין יאָרן אָבער די חברים ציגן נישט אַרויס סימנים פון אַלטקייט.

ווי אין די פריערדיקע יאָרן ווערט אַנגעפירט אַ פּראָדוקטיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון פּועלי ציון אַקטיוויטעטן. אַ דאַנק אונדזערע געטרייע, איבערגעגעבענע חברים און חברות צו דער אָרגאַניזאַציע און במילא אויך פאַר דעם קיום און המשך פון אונדזער פאָלק.

אהרן אייעראָף, פאָרזיצער — לינאַ שיפּריס, פינאַנץ-סעקרעטאַר
ה. אייבראַמס, רעקאָרד. סעקרעטאַר — משה שולוויס, קולטור פאָרזיצער

פאַר דער „אויפבוי" — בען צוקערמאַן

---

**דער יידישער נאַציאָנאַל פאָנד** שיקט האַרציקע ברכות צו אַלע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס, פיל גליק, געזונט און שלום על ישראל און על מדינת ישראל.

מילאַן ראָווען, פּרעזידענט
פרעד קאַהאַן, עקזעקוטיוו סעקר.

**JEWISH NATIONAL FUND**

5410 WILSHIRE BLVD. Phone WEbster 8-2505

## באַגריסונג צום 36 יאָריקן יובל פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

### פרץ הירשביין צווייג 652 יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

טרעט איצט אַריין אין דעם 23סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. במשך די אַלע יאָרן האָט ער צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פון געלט־זאַמלונג פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און הסתדרות־קאַמפּיין, ישראל באָנדס, וועלפער פאָנד און אַנדערע.

אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און פראַטערנאַלן געביט קאָנען מיר אָנווייזן די רעגולערע פאַרזאַמלונגען יעדן חודש, מיט פּראָגראַמען אויף אַ הויכן ניוואָ. אויך דער הילפס־פאָנד פונקציאָנירט אין גוטער אָרדענונג. אויף דעם קולטורעלן געביט שטיין דער הירשביין צווייג אויף אַ גאָר הויכער פּאָזיציע: אַלע ימים־טובים ווערן געפייערט; לעקציעס איבער וויכטיקע טעמעס, אויך פאָרלייענונגען און מוזיקאַלישע נומערן ווערן אַדורכגעפירט.

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט!

מאָריס דייטש, פּאָרזיצער — יצחק ניומאַן, סעקרעטאַר

### דער נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווער אַרבעטער רינג בראַנטש 605

באַגריסט דעם קולטור קלוב צו זיין 36 יאָריקן עקזיסטענץ. אונדזערע וואָרעמסטע ווּאונטשן פאַר נאָך אַ סך יאָרן פון קולטור־שעפערישע טעטיקייטן.

רפאל ראָזענשטיין, סעקרעטאַר



מיר שיקן די האַרציקסטע ברכות

צו דעם

## לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און ווינטשן אים נאָך גרעסערע דערגרייכונגען
צו זיין 35 יאָריקן עקזיסטענץ.

חבר און חברה

## יוסף שפּיגעלמאַן


יידישע טעגלעכע ראַדיאָ
זונטיק אינדערפרי — פון 10:30 ביז 12
DIAL **KALI — 1430 KC.**

זלמן זילבערצווייג
ציליע סילווער

*Compliments of*

**AETNA LUMBER CO., INC.**

14301 Aetna Street Van Nuys, Calif.

CALIFORNIA'S GREAT HEALTH RESORT

*American Plan*

**GUTNTHER'S MURRIETA HOT SPRINGS**

*NO SMOG*

MURRIETA, CALIFORNIA

**PAULA WEISS**

**MAMA WEISS HOME**

**HOLLYWOOD REFRIGERATOR CO.**

**MRS. BLANCHE SPILLERMAN**

*Compiments of*

**SHUCHWIESEL**

**LEONARD PORTUGAL FUR CO.**

**MELROSE FLOOR COVERING**

**MR. MILTON FALK**

**WESTERN DISTRIBUTING COMPANY**

2808 Santa Fe Ave. Los Angeles

**FEDER POTOFSKY INSURANCE AGENCY**

7319 Beverly Blvd. WEbster 3-2112

**ART PRINTING SERVICE**

228 WEST FOURTH STREET MAdison 4-5862

**UNION MORTGAGE COMPANY**

1123 Wilshire Boulevard • Los Angeles 17, Calif.

DAVID BLEVISS HUntley 2-4422

*Compliments of*

KAMCHATKA VODKA

*Distributed by*

THE ALFRED HART COMPANY

1650 E. Nadeau St. - Los Angeles 1, Calif.
LU. 1-6161

LOS ANGELES - SAN BERNARDINO - SAN DIEGO

*GREETINGS FROM*

**CHARLIE FINKEL**

---

**MR. and MRS. SIMON ROTCHER**

---

**WEINER & KANE**
*INSURANCE*

---

**KENNEDY SALES**

---

**MR. and MRS. DAVID DHAR**

---

*Compliments of*

**MR. and MRS. JOE STEIN**

---

**GLASER BROS.**

---

*COMPLIMENTS OF*

**RALPH and SARAH MUSKARSH**

---

**CENTRAL DISTRIBUTING COMPANY**

700 Lairport St. El Segundo, Calif.

*GREETINGS FROM*

**JOE WEINMAN**

**and his Friends**

---

"BEST WISHES"

**F. I. NEWFIELD & J. J. SCHWARTZ**

"CALIFORNIA'S LEADING BUSINESS BROKERS"
*Since* 1926

400 So. Western Ave. — Los Angeles 5 — DUnkirk 1-1-1-0-1

---

**BOHEMIAN DISTRIBUTING COMPANY**

BEST WISHES FROM A FRIEND

*to Literary Almanach's 45th Anniversary*

---

**STERLING LIQUOR**

5900 Rodeo Road — Los Angeles 16, Calif.

---

**MAIER BREWING CO.**

500 EAST COMMERCIAL ST. — LOS ANGELES, CALIF.

---

**LINNY'S OF BEVERLY HILLS**

252 North Beverly Drive — Beverly Hills

---

*Compliments of*

**MORRIS WEINMAN and JOE PIMENDELL**

---

*Knudsen*

DAIRY PRODUCTS

*The Very Best*

*Through the courtesy of Sam Zuckerman*

*Compliments of*

**MANN BROTHERS**

**PAINTS and VARNISHES**

757 N. La Brea Ave. WEbster 6-5168

LOS ANGELES 38, CALIF.

*Compliments of*

**JACOB BALAD**

*COMPLIMENTS*

**CONYERS & CONYERS**

**HILDA and SAM GLASER**

**A. & G. PRESS, INC.**

JACK AYEROFF AND SIGMOND GREENSTEIN

5326 Sunset Blvd. HOllywood 9-5877

**SIERRA SPECIALTY CO.**

617 N. La Brea Ave.

GREETINGS

*from*

**SAM & HELEN LEVINE**

*and the*

**WEINBERG FAMILY**

*Through the Courtesy of* SAM ZUCKERMAN

*Compliments of*

**SINCLAIR PAINT COMPANY**

FRANK SINCLAIR, *President*

**3960 East Washington Boulevard Los Angeles 23, Californio**

**ANgelus 8-2511**

●

BRANCH STORES:

499 North Fairfax Avenue WEbster 6-5224

965 South Main Street MUtual 3393

4625 West Pico Blvd. WEbster 8-0116

5600 Santa Monica Blvd. HOllywood 5-7161

12203 Ventura Blvd. STanley 7-3231

8221 South Vermont Avenue

1019 East Main St., Alhambra ATlantic 9-3655

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

THIRTY SIX years ago, a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish Culture Club, free of any party affiliations, and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests, attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievements are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary or musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I Friedland, president (for the past 22 years); Abe Schwartz, financial secretary; M. Kaminker, recording secretary; Morris Winarsky, treasurer; T. Brice, Sam Zuckerman, Minnie Schwartz, Joe Weinman, vice-presidents; Celia Zuckerman, house manager. Finance Committee: Sam Zuckerman and Morris Winarsky; N. Azolin, librarian.

We are approaching our thirty-seventh year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California

ABE SCHWARTZ, *Secretary*

# "HESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*and*

L. A. WRITERS GROUP

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive • Los Angeles 27, Calif.

October, 1962

## Los Angeles Yiddish Culture Club

*Thirty-Sixth Anniversary*

*1926 --- 1962*